בסיעתא דשמיא

## גליון פרדס התורה

## ראש השנה

## תשפ"ז

## אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל פון חיזוק



סליחות • ראש השנה • בדרכי רבותינו • מעין הידיעות

## י״ל ע״י מערכת
## ׳פרדס התורה׳ לכתיבת
## ועריכת שיעורי מורינו
## הרב שליט״א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי
ישראל בארץ הקודש, דייני העדה
החרדית, וגדולי רבני ארה״ב

(ההסכמות במילואם נמצא
בספר ׳טבריא של מעלה׳
שיצא לאור ע״י מורינו הרב שליט״א)

◆ ◆ ◆

### די גליונות קען מען באקומען
### ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

**בארא פארק**
ביהמ״ד שומרי שבת
5302 13 Ave.
ביהמ״ד עדת יראים וויען
1350 50 St.
ביהמ״ד הדרת קודש
סוואליווע
4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**
בנין בראך למטה
לאקער 405#
Bedford Cor. Park
כתר רזשודעיקא
801 Bedford Ave.
מאורות
218 Wallabout St.

**מאנסי**
ביהמ״ד זוועהיל
101 W Maple Ave.
שיינער׳ס שול
18 Forshay Rd.

**קרית יואל**
כתר רזשודעיקא
97 Acres Rd.

**לעיקוואוד**
כתר רזשודעיקא
12 America Ave.
ביהמ״ד סאטמאר
405 Forest Ave.
ביהמ״ד צאנז
קלויזענבורג
25 Havens Ave.
ביהמ״ד בעלזא
44 Grove Springs Ct.

**טאמס ריווער**
ביהמ״ד קהל בני יששכר
1767 Whitesville Rd.

**פלטבוש**
MB VINEYARD
3012 AVE J

◆ ◆ ◆



©



להצטרפות קבלת שיעורי מורינו
הרב שליט״א והגליונות באימייל,
ניתן לפנות:
shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד
באימייל, ניתן לפנות:
pardesgilyones@gmail.com


## אינעם גליון:


3 מאמר פתיחה
7 סליחות ״זכור ברית״
9 ראש השנה שחל בשבת
13 לשנה טובה
15 אכילת הסימנים
17 תפילה
20 יראתי מתוך שמחתי
30 בדרכי רבותינו
34 מעיין הידיעות


## פרנס הגליון

נתנדב לז״נ
הרה״ק רבינו **יואל**
בן הרה״ק רבינו **חנני׳** יו״ט
**ליפא** זצוקללה״ה מסאטמאר
ע״י **הרוצה בעילום שמו** הי״ו
ולזכות ברכה והצלחה בכל ענינים

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקוי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מהוקקי

# פרדס התורה

ראש השנה
תשפ"ז
גליון 45

אידיש

זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן תשפ"ו אחר קבלת יסורים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי' • ת.נ.צ.ב.ה.

## מאמר פתיחה

# שטאַרק זיך! די הייליגע שבעה רועים דאווענען מיט אונז!

### אריינטרעטן אין די הייליגע טעג מיט התלהבות און קבלת עול מלכות שמים

בעזרת השם יתברך, מיר טרעטן יעצט אריין אין די הייליגע טעג פון ראש השנה, "כי קדוש היום לאדונינו".

יעדע אידיש קינד און יעדע אידיש הארץ איז פול מיט שמחה, יראה און קבלת עול מלכות שמים ווען די טעג קומען אָן. מ'מאכט א ברכת 'שהחיינו' מיט א מורא'דיגע התלהבות, אזוי ווי דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע שרייבט אין זיינע דרשות כמה פעמים (כ"ה אלול דף שמ"ט - ז"ך אלול דף שס"א - ז"ך אלול דף שס"ו) אז ב"ה מ'האט דערלעבט נאך א יאר, הגם אונז ווייסן ווי מיר זעען אויס. עד כדי כך, אז די מלאכי מעלה פרעגן פארוואס מען זאגט נישט 'הלל' ראש השנה? - ווייל אז מען דערלעבט א יאר דארף מען זאגן 'הלל' אָפּצוגעבן א שבח והודי' צום אייבערשטן!

נאך מער פון דעם זאגט דער חתם סופר, אז הקב"ה, דער 'הרוצה בתשובה' וויל אז אונז זאלן תשובה טון, און בעז"ה אנשרייבן א גוט יאר, און מען זאל קענען ווייטער דינען דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה.

ווען מיר גייען יעצט אריין אין די טעג, מיר גייען אריין דאווענען אין בית המדרש, דארף מען וויסן אז מיר דאווענען נישט אליינס, נאָר מיר דאווענען מיט נאך צדיקים - **שטעלט אייך פאָר מיר גייען צו די בית המדרש פון די אבות ואמהות ראש השנה!** מיר דארפן וויסן אז דאס איז נישט קיין 'חלום', נאָר מיר גייען האבן ימים נוראים אזעלכע חשוב'ע געסט וואס קומען פונעם עולם העליון.

דער הייליגער חתם סופר (דרוש י"ב דף ש"נ - וע"ע דרשות ז"ך אלול, י"ז, דף שס"ז) זאגט בזה הלשון: **"קבלנו"** - ער האט מקבל געווען פון זיינע הייליגע רבי'ס, און מעגליך פון אליהו הנביא זכור לטוב, **"שבראש השנה ויום הכיפורים הנשמות הקדושות ונשמות האבות, מצטרפים עמנו בבית הכנסת בתפלתנו"**.

מיר גייען אריין אין בית המדרש און מיר גייען זיך טרעפן מיט די נשמות פון די צדיקים, די נשמות פון אברהם, יצחק און יעקב. **שטארק זיך אידעלע! שטארק זיך! די ז' רועים זענען דא מיט אונז!**

(עי' בספר **מדבר קדש** ביי חג סוכות בענין האושפיזין, וואס דער הייליגער **'שר שלום'** פון **בעלזא** זי"ע האט געזאגט א מורא'דיגע בחינה: **"וזה ידוע דעם האבות באו אמהות גם כן באו"** - אז די אבות קומען צו גיין צוזאמען מיט די אמהות אין די הייליגע סוכה. די זעלבע זאך דא אויכעט, ביי די הייליגע טעג, קומען צו גיין די אבות צוזאמען מיט די אמהות. בפרט אז אין ראש השנה זענען די אמהות נפקד געווארן. ועוד, מיר ליינען דאך ביי קריאת התורה די קריאה פון "וה' פקד את שרה", און מיר ליינען די הפטורה, די הפטורה פון 'חנה'. פארוואס? ווייל דער אייבערשטער האט דעמאלטס פוקד געווען די הייליגע אמהות. ממילא איז אוודאי און אוודאי קומען זיי אין בית המדרש זיך משתתף זיין מיט אונזערע תפילות).

דער הייליגער **בית אהרן** זי"ע שרייבט כמה פעמים בספרו הקדוש, אז **"ביי 'תקיעת שופר' איז מען ממשיך די אבות הקדושים"**. ווען מען לערנט די ווערטער דארף דאס אונז כאַפּן א טרייסל! ווי אויך אַן התחזקות! מיר זען דערפון אז אפילו איך מיין אז איך טו נישט אויף קיין סאך מיט מיינע מצוות וכו', קומט דער בית אהרן און איז אונז מגלה **וואס 'יעדער איד' טוט אויף ביי תקיעת שופר!**

מיר גייען אריין אין די פרייליכסטע טעג פון יאר, אויף וואס **חז"ל** זאגן (ר"ה יח, א) אויפ'ן פסוק "דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאֻהוּ

"בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב" (ישעיה נה, ו) - דער נביא ישעיה בעט אונז אז מיר זאלן דאווענען און זוכן דעם אייבערשטן. אז דאס זענען די טעג פון עשרת ימי תשובה וואס פאנגן זיך אָן ראש השנה, ווען יעדע אידיש קינד האט דעם כח פון א 'ציבור', און דעם כח פון א 'צדיק הדור', ווי עס ווערט מבואר אין **רמב"ם** (הלכות תשובה), אינעם **ערוך לנר**, אינעם **חתם סופר** און נאך, אז **יעדער איינער האט יעצט דעם כח צו צערייסן יעדע גזר דין!**

דער הייליגער **בעל התניא** זי"ע אין 'ליקוטי תורה' (פ' כי תבא, נצבים, מאמרי ר"ה 'שיר המעלות ממעקים') איז אונז מגלה אז **אין די טעג באגיסט מען יעדער איד מיט א התעוררות פון תשובה עילאה**. דאס הייסט די כח פון 'מסירת נפש' וואס יעדער איד האט נישט עובר זיין די ג' עבירות, און **יעדער עם הארץ איז גרייט מיט א שמחה צו זיך מוסר נפש זיין פאר די ג' עבירות**.

אין די טעג ווערט נשפע אויף יעדער איד א הרגש אש קודש פון די מסירת נפש אויף די גאנצע תורה ומצוות, דאס הייסט יעדער אידיש קינד באקומט א אש קודש צו לערנען און דאווענען יומם ולילה, מקיים זיין אלע מצוות מיט א ברען און א חשק, און לגבי מלחמת היצר קומט אראפ א פייער צו האלטן מלחמה מיט א גאווה דקושה בעוז ותעצומות.

דער זעלבע בחינה פון בעל התניא ווערט אראפגעברענגט אין **דרשות חתם סופר**, וזל"ק (דרשות שבת שובה, דף י"א): "**בראש השנה הקב"ה שולח התעוררות ממעל לכל איש ישראל לשוב אליו**". דאס זענען טעג וואס דער רבוש"ע עפנט אויף אונזערע הערצער, און וואו א איד זאל נאר גיין און שטיין, זאגט דער חתם סופר, **באגיסט מען אים פון הימל מיט התעוררות ער זאל תשובה טאָן און זיך צוריקקערן צום אייבערשטן.**

פארשטייט זיך, אז אין אזעלכע געהויבענע טעג איז יעדנס בקשה: "**רבוש"ע! הלוואי קען איך נעמען די טעג און עס מיטנעמען אויף א גאנץ יאר!**"

מיר זענען מתפלל יעדן טאג ביים דאווענען דעם קאפיטל "לְדָוִד ה' אוֹרִי", און מיר זאגן "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת יְהוָה אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי". מיר זאגן עס דוקא אין די טעג ווייל מיר בעטן דעם רבוש"ע אז מיר זאלן קענען מיטנעמען די געהויבענע טעג אויף א גאנץ יאר.

בעזה"י וועלן מיר ארומרעדן ווי אזוי מיטצונעמען דער התעוררות פון די טעג אויף א גאנץ יאר.

## די מורא'דיגע מעשה פונעם הייליגן רבי ר' הערש רימנובער זי"ע און זיין מסירות נפש צום דאווענען

דער **קוויאשד'ער רב** זי"ע האט דערציילט א מורא'דיגע מעשה, און בשעת'ן דערציילן האט ער געגאסן טייכן טרערן. ער האט דאס געהערט פונעם הייליגן **סטראפקוב'ער רב** זי"ע, וועלכער האט עס געהערט פון זיין פאָטער, דער הייליגער **שינאווער רב** זי"ע, וועלכער האט עס אליין געהערט פונעם הייליגן **רבי ר' הערש** פון **רימנוב** זי"ע.

כידוע איז דער הייליגער רבי ר' הערש געווארן א יתום פון קליינוויז אָן. זיין מאמע איז געווען א גאָר ערליכע פרוי, און וויבאלד זי האט געוואלט אז דאס קינד זאל חלילה נישט גיין ליידיג און ער זאל לערנען א פאַך, האט זי אים געשיקט צו א חייט, א שניידער אין שטאט ער זאל אים אויסלערנען ווי אזוי צו נייען קליידער.

יעדן טאג צופרי, אויפ'ן וועג פון זיין הויז צום שניידער, איז ער דורך געגאנגען א ביהמ"ד. איין טאג גייט ער פארביי דעם ביהמ"ד און ער הערט קולות וואו מען דאווענט מיט אזא התלהבות, מיט אזא שמחה, מיט אזא השתפכות הנפש. עס האט אים ממש געכאפט ביים הארץ, און ער איז אריינגעגאנגען אינעווייניג. ער האט געזען אז א רבי מיט חסידים זענען אנגעקומען אין שטאט, דאס איז געווען דער צדיק וקדוש **רבי משה'לע פשעווארסקער** זי"ע, און מ'דאווענט דארט מיט א התלהבות נורא. דער הייליגער רבי ר' הערש האט דאך געהאט א פלאם-פייערדיגע נשמה, און ער האט מחליט געווען צו בלייבן דארט ביזן סוף דאווענען.

ווי נאָר דאס דאווענען האט זיך געענדיגט, איז ער געלאפן צום שניידער. ווען ער איז אנגעקומען, האט אים דער שניידער געפרעגט: "פארוואס ביסטו געקומען שפעט?" ער האט אים דערציילט די גאנצע מעשה, אז ער איז געבליבן אין ביהמ"ד צו הערן דעם דאווענען. דער שניידער איז געווען אַן עם הארץ פון אמאל, ער האט אים אנגעווארנט און געזאגט: "היינט לאז איך דיר דורך, אבער מארגן זאלסטו עס נישט טון נאך אמאל".

צומארגנס איז דער הייליגער רבי'ר' הערש ווייטער געגאנגען צום ביהמ"ד, און ווען ער האט געהערט דעם קול פונעם דאווענען, האט ער נישט געטראכט קיין צוויי מאל און איז ווייטער אריינגעגאנגען דארט מיט-דאווענען ביז'ן סוף. כאטש ער האט געוואוסט אז ער וועט כאפן א גוטן פסק פונעם שניידער, איז אים גארנישט אנגעגאנגען.

נאכן דאווענען איז ער געגאנגען צום שניידער. דער שניידער האט

שוין געוואוסט פארוואס ער האט פארשפעטיגט צום צווייטן מאל, און ער האט געגעבן א פּאַטש פאַר'ן הייליגן רבי ר' הערש. ער האט אים דערביי אנגעווארנט: "מארגן, אויב דו וועסט קומען שפעט, וועל איך דיר נישט נאָר געבן א פּאַטש, נאָר איך וועל דיך ארויסווארפן פון געשעפט, און דו וועסט מער נישט קענען אריינקומען אהער!".

**צומארגנס איז דער הייליגער רבי ר' הערש 'לכתחילה' נישט געגאנגען צום שניידער.** ער איז גלייך אריינגעגאנגען אין ביהמ"ד און מיט-געדאווענט מיט א פלאם פייער ביז נאכן דאווענען. אבער נאכן דאווענען האט ער זיך מורא'דיג צעוויינט.

איינער פון די חסידים איז צוגעגאנגען צום הייליגן רבי ר' הערש און געפרעגט: "יונגעלע, פארוואס וויינסטו?" האט אים דער הייליגער רבי ר' הערש דערציילט די מעשה, אז ער איז א יתום און עס איז דא א שניידער וואס לערנט אים אויס א פאַך, און פון דארט ברענגט ער אהיים פרנסה צו קענען ברענגען דאס ביסל ברויט אין שטוב, אבער ער האט עס אויפגעגעבן ווייל ער האט געוואלט הערן דעם רבי'ן דאווענען מיט די חסידים.

האט אים דער חסיד געזאגט: "קום, לאמיר אריינגיין צום רבי'ן".

זענען זיי אריינגעגאנגען צום רבי'ן, דער הייליגער רבי משה'לע פשעווארסקער, וועלכער האט געהאט א מורא'דיגע מדרגה און א ניצוץ פונעם **אלשיך הקדוש**, ווי דער הייליגער **חוזה** פון **לובלין** זי"ע שרייבט אין זיין הסכמה אויפ'ן ספר **אור פני משה**.

ווי נאָר ער איז אריינגעקומען, האט ער דערציילט פאַרן רבי'ן די גאנצע מעשה. האט אים דער הייליגער רבי משה'לע פשעווארסקער געזאגט: "**יונגעלע, גיי אהיים צו דיין מאמע און זאג איר אז דער רבי וויל דיך מיטנעמען און אויפהאדעווען ווי אַן אייגן קינד. זאג איר אז ביים רבי'ן וועט דיר גארנישט פעלן. עס איז דא דארט א בית המדרש מיט חסידים, מ'וועט לערנען מיט דיר חומש, משניות און גמרא, און עס וועט אויך זיין גענוג צו עסן און צו טרינקען, ממילא זאל זי זיך גארנישט זארגן**".

דער הייליגער רבי ר' הערש איז אהיימגעקומען און ער האט עס דערציילט פאר זיין מאמע'ן. די מאמע וואס איז געווען א גרויסע אשה צדקנית, איז געגאנגען און אים געגעבן א קיש אויפ'ן שטערן, אים איינגעפאקט א ברויט מיט א העמד, און אים געזאגט: "צאתכם לשלום". מען דארף וויסן אז בימים ההם האט דאס באדייט אז עס איז מעגליך אז זי וועט אים קיינמאל מער נישט זען. **דאס איז געווען די געוואלדיגע צדקות פון דעם הייליגן רבי ר' הערש'ס מאמע.**

און אזוי איז דער הייליגער רבי ר' הערש געפאָרן מיט דעם הייליגן פשעווארסקער, און ער איז דארטן געבליבן ביז זיין הסתלקות. נאך זיין הסתלקות, ווען די חסידים פון רבי משה'לע זענען געפאָרן קיין רימנוב, איז ער דעמאלטס אויך געגאנגען קיין רימנוב, וואו ער איז געווארן משמש בקודש ביים הייליגן **רבי ר' מענדלע רימונבער** זי"ע. פון דארטן און ווייטער, נאך רבי מענדלע'ס פטירה, האט ער איבערגענומען דעם כתר האדמורו"ת אין רימנוב, ומשם תצא הוראה לישראל.

עד כאן המעשה וואס דער הייליגער רבי ר' הערש האט אליין דערציילט פאַר'ן שינאווער רב, זיע"א. (המעשה מובא בספר 'שיח זקנים' למורי הגה"צ **רבי ישראל חיים אשרי** שליט"א אב"ד שער אפרים וחבר ביד"צ טארטיקוב, תשוח"ח לו).

## דער לימוד פון דער מעשה: אפלאזן דעם עבר און בלייבן אין בית המדרש

**לאמיר אריינטראכטן אין דער מעשה.**

יעדעס יאר ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום הקדוש, סוכות, הושענא רבה, שמיני עצרת, און שמחת תורה, גייען מיר אריין אין ביהמ"ד און מיר טרעפן זיך מיט די אבות הקדושים, ווי עס שטייט פונעם הייליגן חתם סופר. ביי תקיעת שופר קומען צו גיין די אבות, ווי עס שטייט פונעם הייליגן בית אהרן. מיר גייען אריין אין אזעלכע געהויבענע, לעכטיגע טעג.

מיר גייען יעצט אריין אין ביהמ"ד ממש אזוי ווי דער הייליגער רבי ר' הערש רימינובער איז אריינגעגאנגען אין ביהמ"ד ווען ער האט געהערט דאס קול פון דאווענען ביים הייליגן 'אור פני משה' פון פשעווארסק. דעמאלטס, ווען ער האט געהערט דאס קול פון דאווענען פונעם הייליגן רבי משה'לע מיט די חסידים, האט ער 'אלעס' מבטל געווען! ער האט אוועקגעלייגט יעדע זאך אויף דער וועלט!

דער חילוק איז נאָר אז דער הייליגער רבי ר' הערש איז געבליבן ביי דעם הייליגן רבי משה'לע. **די שאלה איז, ווי 'מיר' בלייבן?**

מיר דארפן אויך אָפּמאכן א 'החלטה גמורה', ווען מיר קומען אריין אין בית המדרש, און זאגן:

**"רבוש"ע, איך גיי שוין נישט צוריק צום 'שניידער'... איך גיי נישט מער צוריק צו ביטול תורה, איך גיי נישט מער צוריק צו די אלע עבירות!**

**פון דאנעט און ווייטער, 'שבתי בבית ה' כל ימי חיי'! איך גיי אויפשטיין פאַרטאָגס! איך גיי דאווענען מיט א ברען! איך גיי האבן שמירת הלשון און שמירת עינים! א שבת קודש גייט זיין מיט א קאָך און א ברען! סיי דאס דאווענען, סיי דאס לערנען שבת קודש, און סיי די זמירות ותשבחות ביי די הייליגע סעודות שבת!"**

דאס דארפן מיר מחליט זיין יעצט ווען מיר קומען אריין אין די הייליגע טעג. מיר דארפן דאווענען צום אייבערשטן און זאגן אז מיר ווילן נישט צוריקגיין צו דעם שניידער'שע לעבן, מיר ווילן א 'ניי לעבן'.

## די עצה פון רבי ישראל סאלאנטער: טון א 'משהו'

כמובן איז די שאלה: **ווי אזוי קען מען דאס טון?**

דער תירוץ איז, אז מען דארף נעמען א 'חוט הקשר', מען דארף נעמען גאר א שטארקע שטריק און צוזאמבינדן די טעג, אזוי אז א גאנץ יאר זאלן מיר זיין צוגעבינדן צו די הייליגע טעג.

**ווי אזוי טוט מען דאס?**

קומט צו גיין דער הייליגער **רבי ישראל סאלאנטער** זי"ע, אין זיינע מכתבים הידועים בספרו 'אור לישראל' און זאגט דארטן א דבר נורא מאוד.

יום כיפור איז דער גרעסטער טאג, ווי **חז"ל** זאגן (תענית כ"ו): "לא היו ימים טובים לישראל כיום הכיפורים". ער זאגט ווייטער אז **עס איז נישטא קיין בעסערע מסחר, א געשעפט, ווי דער הייליגער טאג יום הקדוש און די טעג פון עשרת ימי תשובה**. ער זאגט דארט אז מען רעדט דא פון געשעפטן סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, אז א מענטש זאל זיך איינשרייבן א גוט געבענטשט יאר.

ווי אויך איז נישטא קיין בעסערע געשעפט וואו א מענטש קען אָפּווישן אלע עבירות לשעבר, וואס די עבירות ברענגען אָן פאַר'ן מענטש אלע זיינע גרעסטע פראבלעמען וואס ער האט געהאט אין זיין לעבן, און יעצט קען מען אלעס אָפּווישן, אין ראש השנה, עשרת ימי תשובה, און יום כיפור.

**וואס דארף איך טון דערצו?**

זאגט רבי ישראל סאלאנטער, איך דארף אז דו זאלסט טון **"אפילו מעט טוב מאד"** - אפילו דו טוסט נאָר אביסל, זאלסטו וויסן אז דאס ביסל איז **"אין ערוך לה בעניני תבל"**.

דאס מיינט, אז **עס איז נישטא אזא גוט געשעפט 'בגשמיות' איבער דער גאנצער וועלט! דו קענסט פאָרן איבער דער גאנצער וועלט און מאכן שותפות'ן מיט די גרעסטע עשירים, אבער דאס ביסל וואס דו גייסט טון די טעג איז העכער פון אלעס.**

עס 'אין ערוך' אין דער הצלחת נפשו זיך צו ראטעווען פון צרות רבות ונצורות, אפילו אויב א מענטש וועט טון די קטנה שבקטנות אין די הייליגע טעג!

## בינדן דאס יאר דורך א 'איין קבלה' און א קביעות אין א 'מוסר ספר'

די ערשטע זאך וואס רבי ישראל סאלאנטער איז אונז מגלה, אז מען זאל טון אפילו נאָר א 'משהו'.

**פרעגט רבי ישראל סאלאנטער:** אין אזעלכע געהויבענע טעג, וואס זענען די בעסטע געשעפטן וואס איך זאל משקיע זיין סיי מיט'ן גוף און סיי מיט דער נשמה? וואו איז דא אַן אוצר רב צו משקיע זיין?

זאגט ער, איך גיי דיר מגלה זיין וואס דער משהו איז: **"שתהיה איזו קבלה על להבא ביום הכיפורים"**. א מענטש זאל זיך מאכן 'איין קבלה' ראש השנה, עשרת ימי תשובה, אדער יום כיפור. און **ווען ער מאכט זיך די קבלה, זאלסטו וויסן אז דאס - אפילו א קבלה קטנה - דרייט איבער דעם מענטש ברוחניות ובגשמיות, עס וואשט אָפּ דעם עבר און ברענגט אים א גוט געבענטשט יאר אויף להבא.**

נאכדעם זאגט ער אַן עצה טובה פון א קבלה וואס וועט דיר טוישן דיין גאנץ לעבן. די קבלה קטנה איז, **דו זאלסט זיך מאכן א קביעות אין א 'מוסר ספר'**. מיט דעם גייט דער מענטש נעמען א ריזיגע שטריק פאר א גאנץ יאר, יעדן טאג ווען ער גייט מקיים זיין די קבלה און דעם לימוד מוסר, ברענגט ער זיך צוריק אין די הייליגע טעג!

## עצה קטנה צו מייחד זיין צייט יעדן טאג ביי סוף שמונה עשרה

בעזהש"י וועלן מיר געבן א עצה זיך צו דערמאנען פון די קבלה קטנה אין די הייליגע טעג.

מוצאי שמחת תורה, "שובו לכם לאהליכם", יעדער גייט אהיים און עס פאַנגן זיך אָן די ווינטער טעג, די הייליגע ווינטער נעכט, די 'ימי חול המועד', ווי דער הייליגער **רבי הערשל'ע זידיטשובער** זי"ע האט געזאגט. יעדעס הארץ פון א אידיש קינד טוט דעמאלטס אזוי ווי, וואו קען מען זיך דען געזעגענען פון אזעלעכע הייליגע טעג?

עס איז דא אויף דעם אַן עצה פשוטה: יעדן טאג ביי 'אלקי נצור', ווען דו וועסט זיך דערמאנען דריי מאל א טאג ביים סוף פון שמונה עשרה פון ראש השנה, יום הקדוש, "וואסערע קבלה קטנה האב איך מקבל געווען אין די הייליגע טעג?" איינער האט מקבל געווען שמירת

הלשון, א צווייטער האט מקבל געווען נישט צו שמועסן אינמיטן לערנען די ערשטע פופצן מינוט, א דריטער האט מקבל געווען אויפצושטיין פארטאגס, און נאך איינער האט מקבל געווען צו לערנען צוויי מינוט אדער פינף מינוט מוסר יעדן טאג. **מיט די פּאָר סעקונדע'ס ביי אלוקי' נצור 3 מאל א טאג – נעמסטו א שטריק און דו בינדסט זיך צוריק צו די הייליגע טעג!**

ועוד, **וויבאלד דו האסט דאס מקבל געווען יעצט אין די הייליגע טעג, ווען די אבות הקדושים זענען דא געווען און דו האסט געהאט די געוואלדיגע השראה, ביסטו מקשר דאס גאנצע יאר מיט די הייליגע טעג דורך דעם וואס דו דערמאנסט זיך יעדן טאג פון דער קבלה!**

און דעמאלטס וועט מען זוכה זיין אז די תפילה וואס מיר בעטן, 'שבתי בבית ה' כל ימי חיי, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו', זאל מקויים ווערן.

**א כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים, און א גוט געבענטשט יאר, אמן ואמן!**

## סליחות "זכור ברית"

# "ועקידת יצחק היום ברחמים תזכור": אפילו למעשה איז די עקידה בפועל נישט געשען ביז סוף • אונזער השתוקקות און שאיפה איז צו זיין ערליך

### ערב ראש השנה איז דער רבוש"ע שוין מוחל א 'דריטל' פון די עבירות

עס שטייט אין **רמ"א** (סי' תקפ"א) אז ערב ראש השנה איז מען **"מרבין בסליחות"**, און אויך שטייט דארט אז מען פאַסט. עס איז געבויט אויף דעם הייליגן **מדרש** וואס דער **טור** ברענגט אראפ, וואס זאגט, אז **ערב ראש השנה איז דער אייבערשטער מוחל א דריטל פון די עבירות**. מען רעדט דא נאך פאר די עשרת ימי תשובה האבן זיך אנגעהויבן, און שוין דעמאלטס איז דער רבוש"ע מוחל א שליש.

פון דאנעט זעט מען דעם געוואלדיגן כח פון די ימי הרחמים והרצון וואס עס איז דא אין חודש אלול, און פון ערב ראש השנה, אז לכבוד די עבודה פון חודש אלול און ערב ראש השנה איז דער אייבערשטער אונז שוין מוחל אויף א שליש.

בעזה"י וועלן מיר זען א מהלך נפלא פון דער גאון וקדוש **רבי שלמה קלוגער** זי"ע איבער די גרויסע טאג פון ערב ראש השנה, און די סליחות פון "זכור ברית".

### י"ג מדות של רחמים און די דריי זמנים פון סליחות

לאמיר יעצט אריינגיין אין די געוואלדיגע הייליגע סליחות וואס מיר זאגן, "זכור ברית אברהם ועקידת יצחק".

קודם וועלן מיר מקדים זיין די ווערטער פון דער הייליגער **טריסקער מגיד** זי"ע אין 'מגן אברהם', וואו ער ברענגט ארויס א מורא'דיגע זאך וואס טוט זיך אָפּ אין אָט דעם טאג.

מיר ווייסן פונעם הייליגן **אריז"ל** אז גאנץ חודש אלול ווערט נשפע די 'י"ג מדות של רחמים'. און די סיבה דערפאר איז ווייל משה רבינו איז ארויף דאס דריטע מאל פאר פערציג טעג און פערציג נעכט מקבל צו זיין די לוחות אחרונות, און דער רבוש"ע איז נתרצה געווארן און געזאגט "סלחתי כדברך". דעמאלטס האט ער מגלה געווען פאר די אידישע קינדער דורך משה רבינו די י"ג מדות של רחמים.

און טאקע וועגן דעם איז דער מנהג ביי אחינו בני ישראל הספרדים איז אז מען זאגט שוין סליחות מיט י"ג מדות פון אנהייב חודש אלול.

ביי אחינו בני ישראל האשכנזים בלאזט מען שופר און מען זאגט דעם קאפיטל פון "לדוד ה' אורי", וואס אין דעם שטייט 13 מאל די שם הוי' וואס איז מרמז אויף די י"ג מדות של רחמים, און דאס זאגט מען שוין דעם גאנצן חודש אלול ביז נאך יום כיפור. אבער ווען עס קומט די וואך פאר ראש השנה זאגט שוין יעדער סליחות, וואס

דארט זאגט מען כסדר די י"ג מדות של רחמים.

זאגט דער הייליגער טריסקער מגיד א דבר נפלא מאד. די סליחות זענען איינגעטיילט אין 3, אַן התחלה, אמצע וסוף, סוף. דער ערשטער טאג סליחות, דער מיטלסטער טאג סליחות וואס איז ערב ראש השנה, און דער לעצטער טאג סליחות פאר יום כיפור, וואס ווערט אנגערופן "שלש עשרה מדות" צוליב דעם וואס מען זאגט דער פזמון אין פיוט "ה' ה' קל רחום וחנון".

ער זאגט אז ווען מען נעמט צוזאם די **דריי טעג** קומט עס אויס **דריי מאל י"ג**, וואס דאס איז בגימטריא **ט"ל**. ד.ה. **אז דער רבוש"ע איז משפיע פאר אונז א "טל של תחיה" פון תחיית המתים אין די טעג וואס מען זאגט סליחות.** דאס איז דער געוואלדיגער כח פון סליחות.

אויף דעם דבר תורה ענדיגט דער טריסקער מגיד מיט א געוואלדיגע ברכה. עס איז כדאי צו באטאנען אז אין אנהייב פון זיין ספר שרייבט ער, אז וויבאלד ער איז שוין 'בא בשנים' און ער איז א רבי פון אלפים ורבבות אידן, און עס איז אים שוין נישט געווען אזוי גרינג צו זאגן תורה ברבים, האט ער אראפגעשריבן זיינע תורות אין א ספר.

ער זאגט דארט אז ווער עס וועט קויפן זיין ספר, און - כמובן - עס לערנען, וועט זיין געבענטשט מיט אלע ברכות כאילו מען איז געקומען צו אים אליין. ווי פארשטענדליך אז זיין הבטחה און זיין ברכה זענען נאך אלץ בתוקף, און ווער ס'לערנט זיינע תורות, ווערט געבענטשט פונעם הייליגן טריסקער מגיד.

בפרט אז די תורה ענדיגט ער צו אזוי: "**שבאמירת הסליחות בשלשה זמנים האלו אנחנו מעוררים הי"ג תיקוני דיקנא, שיתמלא השם יתברך ברחמים עלינו ויחדש לנו שנה טובה, וישפיע לנו מטלא עילאה טל של תחיה שיהיה כתיבה וחתימה לחיים על כל ישראל**".

דאס איז א ברכה פאר א גוט געבענטשט יאר פונעם הייליגן טריסקער מגיד! אַהּ, אשרינו מה טוב חלקנו!

## דער ענין פון 'זכור ברית' און 'עקידת יצחק' ערב ראש השנה

לאמיר יעצט אריינגיין אינעם פיוט פון "זכור ברית", וואס צוליב דעם ווערן די סליחות פון ערב ראש השנה אנגערופן "זכור ברית".

מען דארף פארשטיין פארוואס מען זאגט דוקא דעם פיוט ערב ראש השנה? דער הייליגער **רבי שלמה קלוגער** זי"ע זאגט דערויף א הפלא'דיגן יסוד.

עס איז דא א גרויסע מחלוקת אין חז"ל, ראשונים און אחרונים ווען עס איז געווען די עקידת יצחק. יש אומרים אז עס איז געווען ראש השנה, יש אומרים אז עס איז געווען יום כיפור, ויש אומרים אז עס איז געווען יו"ט פסח. (זע אריכות איבער דעם אין מאמר 'מעיין הידיעות').

רבי שלמה קלוגער גייט מיט א מהלך אז עס איז געווען **די צווייטע טאג ראש השנה**. יעצט, אויב די עקידה זעלבסט איז געווען די צווייטע טאג ראש השנה, קומט אויס אז ווען אברהם אבינו און יצחק אבינו האבן אנגעהויבן גיין צו דער עקידה - וואס דאס איז געווען דריי טאג פריער, ווי עס שטייט "וישכם אברהם בבוקר" - איז דאס געווען ערב ראש השנה.

קומט אויס אז **ערב ראש השנה, ווען אברהם אבינו איז געגאנגען צו דער עקידה, דעמאלטס זאגן מיר דעם פיוט פון "זכור ברית" וואס רבינו גרשום מאור הגולה האט מתקן געווען.**

אבער לכאורה שטעלט זיך א קשיא: **מען וואלט דאך געדארפט זאגן דעם פיוט 'זכור ברית' אין ראש השנה, אין דעם טאג וואס די מעשה עקידה איז געווען, און נישט ערב ראש השנה ווען ער האט נאָר אנגעהויבן צו גיין צו די עקידה?!**

זאגט דער הייליגער רבי שלמה קלוגער א געוואלדיגע זאַך.

כאטש מיר זאגן "ועקידת יצחק היום ברחמים תזכור", דער רבוש"ע זאגט צו אז דער זכות פון עקידת יצחק וועטביישטיין לדורות עולם, אבער 'למעשה' איז די עקידה בפועל נישט געשען ביז'ן סוף, ווייל דער רבוש"ע האט אים געזאגט 'והעלהו' אבער נישט 'ושחטהו'.

טוט ער אויף א חידוש, אז **אפילו א מצוה וואס מען האט נישט גומר געווען בפועל ממש ווערט די מצוה גערעכנט פון די 'הכנה למצוה'.** קומט אויס די מצוה פון די עקידה ווערט גערעכנט פון די ערשטע טאג.

וז"ל: "**גמר העקידה לא עשה אברהם ולא נגמר המעשה**". אבער ער זאגט א סוד נורא: **די מחשבה, די רצון, די השתוקקות און די שאיפות צו דער עקידה מצד אברהם און יצחק, דאס איז געטוהן געווארן 'בשלימות גמור'!**

די 'הליכה' צו די עקידה דאס איז געווען א ציווי השם, א מצוה וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, און דאס האבן זיי מקיים געווען בשלימות.

ווייל די הליכה צו די עקידה איז געווען א מצוה וואס דער אייבערשטער האט געבעטן פון אברהם און יצחק צו 'גיין' צו דער

עקידה, און די מצוה פון ׳גיין צו די עקידה׳ האבן זיי געטון ׳בשלימות׳.

זאגט דער הייליגער רבי שלמה קלוגער ווייטער: "**דבר שיש בו גמר מעשה, הגמר הוא עיקר**" - א זאך וואס מ׳ענדיגט, איז אוודאי די גמר המעשה די עיקר. "**אבל דבר שאין בו גמר מעשה**", א זאך וואס האט נישט קיין גמר המעשה - ווי עקידת יצחק וואס מען האט נישט אויסגעפירט בפועל - **דארט איז די ׳התחלה׳ דער ׳גמר המעשה׳! דאס גיין צו דער מצוה איז אליין די גאנצע מצוה!**

וועגן דעם, זאגט רבי שלמה קלוגער, זאגן מיר נישט דעם פיוט פון "זכור ברית אברהם ועקידת יצחק" דעם צווייטן טאג ראש השנה, נאָר מען זאגט עס ערב ראש השנה פארטאגס - ווייל פונקט דעמאלטס פארטאגס איז אברהם אבינו געגאנגען צו די עקידה. דאס איז אזא געוואלדיגע זכות אריינצוגיין מיט דעם אין ערב ראש השנה.

**דער כח פון רצון און השתוקקות אלס א שלימות׳דיגע מצוה**

יעצט לאמיר זען די געוואלדיגע התחזקות וואס מיר קענען ארויסלערנען פון דעם.

לאמיר זיך אומקוקן אויף אונזער פארגאנגענעם יאר. לאמיר צוזאמנעמען ערב ראש השנה דיינע אלע מצבים, דיינע אלע ׳הכנות למצוות׳, נעם צוזאם אלע דיינע ׳רצונות׳, וואס זענען ענליך צו אברהם אבינו מיט יצחק אבינו וואס זענען ׳געגאנגען צו די עקידה׳.

מיר נעמען צוזאם אלע אונזערע שאיפות, דאס וואס מיר האבן זיך ׳געוואלט׳ אפהיטן פון לשון הרע. מען נעמט צוזאם אלע רצונות וואס מען האט געהאט צו האבן כוונה ביים דאווענען. מען נעמט צוזאם די גאנצע השתוקקות וואס מען האט געהאט צו לערנען מיט א רציפות און התמדה שעות ארוכות. מען נעמט צוזאם אלע געגועים וואס מען האט געוואלט האבן אין א שבת קודש. זאגט רבי שלמה קלוגער, **מיט די כח פון אלע אונזערע רצונות, גייען מיר צו ערב ראש השנה צום יום הדין מיט א געוואלדיגע שטארקע בטחון.**

און דאס זאגן מיר ערב ראש השנה:

**רבוש"ע, ׳זכור ברית אברהם ועקידת יצחק׳, ווען אברהם אבינו און יצחק אבינו זענען ׳געגאנגען׳ צו די עקידה, און די ׳הליכה למצוה׳ איז גערעכנט געווארן ווי עס וואלט אויסגעפירט געווארן ׳בשלימות׳. אזוי אויך האבן מיר א גאנץ יאר הונדערטער און טויזנטער מאל ׳אנגעהויבן צו גיין׳ צו די עקידה! צומאל איז די עקידה געווען ׳התמדה׳, צומאל ׳לשון הרע׳, און צומאל ׳כעס׳. מיר האבן געוואלט זיין גוט, נאָר מיר האבן נישט אלעמאל ׳אויסגעפירט׳ די עקידה, נישט אלעמאל האבן מיר געלערנט בהתמדה, אדער געווען אפגעהיטן אין שמירת עיניים אדער שמירת הלשון.**

**אבער --- מיר זענען זיך מחזק מיט די ׳כח הרצון׳ פון די עקידה און מיט דעם גייען מיר אריין צום הייליגן טאג ראש השנה.**

מיר וועלן אריינגיין צום הייליגן טאג ראש השנה, מיט בושה מצד אחד, אבער מיט שמחה און התחזקות מצד שני, און מיר וועלן זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר, לנו ולכל ישראל, אמן!

## ראש השנה שחל בשבת

# וואו איז דער זכות פונעם שופר?

**מיט וואס וועט נתעורר ווערן די רחמים? ווי אזוי גייט מען מערבב זיין דעם שטן?**

לכאורה דארף מען פארשטיין:

מיר ווייסן דאך וואס עס שטייט אין **מדרש**, אז ווען אידישע קינדער בלאזן שופר, גייט דער אייבערשטער כביכול אראפ פון ׳כסא דין׳ און ער זעצט זיך אויפ׳ן ׳כסא רחמים׳. אויב אזוי, **ווען עס קומט א ראש השנה וואס געפאלט אין שבת, מיט וואס וועט נתעורר ווערן די רחמים אויף אידישע קינדער?**

מיר ווייסן אז **חז"ל** אין מס' ראש השנה (כט, א) האבן מתקן געווען א גזירה "שמא יעבירנו ד' אמות ברשות הרבים", דאס טייטש אז מן התורה דארף מען בלאזן שופר אפילו ווען ראש השנה געפאלט אין שבת. נאָר חז"ל מפני הגזירה האבן מתקן געווען נישט צו בלאזן.

מיר געפינען אין די **משנה** (כט, ב) "יום טוב של ראש השנה שחל להיות בשבת, במקדש היו תוקעין, אבל לא במדינה. משחרב בית המקדש, התקין רבן יוחנן בן זכאי שיהיו תוקעין בכל מקום שיש בו בי"ד".

אין די גמרא איז מבואר אז נישט נאר די בי"ד הגדול שבירושלים, נאָר אויך אין 'יבנה', ווי אויך יעדער פלאץ ווי עס איז דא א בי"ד. און אפילו א בי"ד וואס איז נישט פון איין-און-זיבעציג, און נישט פון דריי-און-צוואנציג, נאָר א בי"ד פון 3 דיינים "תוקעין אפילו בשבת".

זעט מען פון דא, אז מען האט מתיר געווען צו בלאזן שופר אויף יעדן פלאץ ווי עס איז דא א בי"ד.

קומט די הייליגע **תוספות** (ד"ה אבל לא במדינה) און פרעגט א קשיא. פארוואס ביי מצוות תקיעת שופר איז מען מקיל צו בלאזן במקום בי"ד, ווידער ביי לולב און מגילה איז מען נישט מקיל יו"ט ופורים שחל בשבת אפילו אויף א פלאץ וואו עס איז דא א בי"ד?

ענטפערט תוס', ווייל מצוות שופר איז **"להעלות זכרוניהם של ישראל לאביהן שבשמים, לא רצו לבטלו לגמרי"**.

תוס' איז מגלה אז תקיעת שופר האט א געוואלדיגע כח צו מעורר זיין רחמי שמים! און חז"ל האבן עס נישט געוואלט אינגאנצן מבטל זיין, ממילא האט מען געלאזט אז בי"ד זאל בלאזן.

די **מפרשים** צייכענען אויך צו די גמרא (טז, ב), אז ווען אידישע קינדער זענען מוסיף בתקיעות, מיר בלאזן סיי 'תקיעות דמיושב' און סיי 'תקיעות דמעומד' ווייזן זיי ארויס חביבות המצוה, ווערט דער שטן צומישט, און עס ברענגט רחמים אויף אידישע קינדער. ממילא ביי מצוות שופר האט מען מקיל געווען ביי בי"ד.

עס איז דא א גרויסע מחלוקת ה**ראשונים** צו די כוונה איז אויף א בי"ד של כ"ג אדער של שלש. די שיטת ה**רי"ף** איז אז אפילו א בי"ד פון דריי קען בלאזן 'אפילו בזמן הזה'. און דער הייליגער רי"ף - כידוע - האט טאקע אזוי געטון הלכה למעשה ווי עס ווערט געברענגט אין **ר"ן**, אבער 'להלכה' נעמען מיר אָן אז יו"ט ראש השנה וואס געפאלט אין שבת בלאזט מען נישט צוליב די גזירה.

לכאורה דארף מען פארשטיין: טאקע מיר זענען מקיים די גזירה, אבער פון די אנדערע זייט ווילן מיר עס זאל נשפע ווערן אויף אונז רחמים, און מיר ווילן מערבב זיין דער ס"מ כמבואר בדברי התוס'.

אויב אזוי, **ווען עס קומט ראש השנה שחל להיות בשבת, ווי אזוי גייט מען דעמאלטס מעורר זיין רחמים און מערבב זיין דעם שטן? בפרט בזמננו ווען מען בלאזט נישט אפילו בבי"ד?!**

## דער ביאור פונעם 'חתם סופר' זי"ע: צוויי מינע סארט 'לעבן'

קומט דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע אין זיינע דרשות (ז' אלול שנת תק"צ) און ער זאגט דארט א הפלא'דיגע מהלך.

דער פסוק אין הושע (ו, ב) זאגט: "יְחַיֵּנוּ מִיֹּמָיִם בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי יְקִמֵנוּ וְנִחְיֶה לְפָנָיו". הייבט דער חתם סופר אָן מיט א הקדמה. מיר זאגן אין עשרת ימי תשובה די הייליגע תפילות וואס די גאונים האבן מתקן געווען צו זאגן ביי די ערשטע ברכות פון שמונה עשרה, "זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים וכתבנו בספר החיים למענך אלקים חיים".

לאמיר אביסל אריינקלערן וואס מיר זאגן דא. קודם בעטן מיר, רבוש"ע, 'זכרנו לחיים' דערמאן אונז צום לעבן. 'מלך חפץ בחיים' - רבוש"ע, גיב אונז לעבן ווייל דו ווילסט אונז געבן לעבן.

נאכדעם זאגן מיר פאַרן רבוש"ע אז עס איז נישט גענוג, נאָר מיר בעטן '**וכתבנו** בספר החיים' - רבוש"ע, שרייב עס אריין אין דעם ספר החיים.

פרעגט דער חתם סופר: **אויב מיר בעטן פונעם אייבערשטן ער זאל אונז צוזאגן לעבן, פארוואס פעלט אויס צו בעטן אז ער זאל עס אויך "אריינשרייבן"?**

## בין חיים של 'חס' לחיים של 'חסד'

זאגט דער חתם סופר, **עס זענען דא צוויי מינים 'לעבן' וואס הקב"ה איז משפיע פאר די וועלט.**

עס איז דא דאס לעבן פון אלע אומות העולם. די אומות העולם זענען די וועלט בכלליות, בחינת 'עולם חסד יבנה', וואס אויף דעם שטייט דער פסוק אין ספר יונה (ד, י-יא) "וַיֹּאמֶר ה' אַתָּה חַסְתָּ עַל הַקִּיקָיוֹן אֲשֶׁר לֹא עָמַלְתָּ בּוֹ וְלֹא גִדַּלְתּוֹ שֶׁבִּן לַיְלָה הָיָה וּבִן לַיְלָה אָבָד: וַאֲנִי לֹא אָחוּס וגו'". דאס מיינט אז דער רבוש"ע האט רחמנות אויף זיינע ברואים אז זיי זאלן לעבן. דאס איז איין סארט לעבן, א כלליות'דיג לעבן.

די ערשטע איז אפילו פאר די אומות העולם. ווען הקב"ה גיבט פאר די אומות העולם לעבן, איז עס בגימטריא 68, פונקט ווי די ווארט 'חיים'. און די גימטריא דערפון איז 'חס'. ח' איז אכט, צוויי מאל י' איז צוואנציג, מ' איז פערציג, צוזאמען

איז עס 68, כמנין 'חס'. "חַס רחמנא עלן" - דער אייבערשטער האט רחמנות.

אבער, זאגט דער חתם סופר, עס איז דא א צווייטער סארט לעבן, א מיוחד'דיגע און אמת'דיגע לעבן פאר די עבדי השם, בני קל חי, ווי עס שטייט: "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום". דאס איז א גאר אנדערע סארט לעבן, א לעכטיג הייליגע לעבן. א לעבן פון תורה ומצוות, פון "כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה", א לעבן פון "פקודי ה' ישרים משמחי לב", א לעבן פון "תורת ה' תמימה משיבת נפש", א לעבן פון "צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה". דאס איז א 'חיים של **חסד**'.

פרעגט דער חתם סופר, ווי אזוי מאכט מען אז די גימטריא פון 'חיים של ח"ס', צו ווערן 'חיים של חס"ד', וואס חס"ד איז בגימטריא 72?

זאגט ער, אויב דו וועסט צולייגן די פיר אותיות, ח-י-י-ם, וועט ווערן פון 'חס' - 'חסד'.

חס"ד - דאס גייט ארויף אויף אידישע קינדער. אידישע קינדער וואס דינען דעם אייבערשטן, גיבט זיי דער אייבערשטער אויך חיים, לעבן. אבער דאס לעבן וואס דער אייבערשטער גיבט פאר אידישע קינדער קומט מיט נאך פיר אותיות, ח"ס - ח"ס-ד, דאס איז א 'חיים של חסד'.

דער חתם סופר זאגט ווייטער, אז 'חסד' איז בגימטריא ע"ב (72), כידוע דער 'שם ע"ב', וואס דאס איז דער שם פון חסד. הושענא רבה, ווען מיר זענען מתפלל "אני והו הושיעה נא", זענען מיר מורא'דיג פארנומען מיט דעם שם ע"ב, (ווי רש"י ברענגט אין מסכת סוכה (מה, א)) אז דאס איז די ר"ת פון די 3 פסוקים "ויסע"-"ויבא"-"ויט", תחילת ג' הפסוקים ואמצע ג' הפסוקים, עי"ש).

פרעגט דער חתם סופר: ווען איז 'חיים' בגימטריא 68 (חס), און ווען איז מען זוכה צו א לעבן פון נאך פיר אותיות צו ווערן 'חסד' (72)?

זאגט דער הייליגער חתם סופר: **אויב די פירסט זיך אויף ווי עס דארפט צו זיין ווי א אידיש קינד דעמאלטס ביסטו זוכה צו 'חיים של חסד'**.

אין ער לייגט צו א דבר פלא. אויב דו זאגסט ארויס דאס ווארט 'חיים' מיט דער מויל, איז עס נאָר 68 (חס), דאס איז דאס לעבן פון די אומות העולם ווי עס שטייט ביי ננוה, "וַיֹּאמֶר ה' אַתָּה **חַסְתָּ** עַל הַקִּיקָיוֹן אֲשֶׁר לֹא עָמַלְתָּ בּוֹ וְלֹא גִדַּלְתּוֹ שֶׁבִּן לַיְלָה הָיָה וּבִן לַיְלָה אָבָד: וַאֲנִי לֹא **אָחוּס** וגו'".

אבער אויב דו **שרייבסט** ארויס דאס ווארט 'חיים' אויפ'ן פאפיר, ווען דו שרייבסט עס ארויס, ח-י-י-ם שרייבסטו דאך פיר אותיות, אז דו שרייבסט די פיר אותיות, דארפסטו צולייגן צו די 68 נאך 4 אותיות, צוזאמען ווערט עס 'חסד'.

## די כוונה הפנימית אין 'וכתבנו'

דאס איז דער פשט פון וואס מיר דאווענען צום אייבערשטן. קודם דאווענען מיר אביסל, אזוי ווי עס שטייט אין **טור** (סי' תקפ"ב), אז ביים אנהייב שמונה עשרה בעט מען "זכרנו לחיים". אבער שפעטער, ביים סוף פון שמונה עשרה, זאגט מען "וכתוב לחיים **טובים**". זאגט דער טור בשם **רב האי גאון**, אז קודם בעט מען אביסל און נאכדעם איז מען מוסיף.

זאגט דער חתם סופר: דאס זעלבע איז דא אויך. קודם בעטן מיר "זכרנו לחיים", דאס איז פשוט'ע לעבן וואס איז בגימטריא 'חס' (68). מיר בעטן דעם אייבערשטן: 'חס' - האב אויף אונז רחמנות, אזוי ווי די פסוק זאגט ביי נינוה. דערנאך זאגן מיר ווייטער: "מלך חפץ בחיים", אזוי ווי דער פסוק זאגט אין **יחזקאל** (יח, לב) "כִּי לֹא אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הַמֵּת".

נאכדעם וואס מען האט שוין דאס געבעטן, יעצט איז מען מוסיף צו דאווענען: "**וכתבנו** בספר החיים". מיט 'וכתבנו' מיינען מיר צו בעטן: **רבוש"ע, שרייב אריין דאס ווארט 'חיים' אין ספר, און אז דו שרייבסט עס - כביכול, דארפסטו עס דאך שרייבן מיט 'פיר אותיות', און מיט די פיר אותיות - 68 מיט 4 - ווערט 72, פון 'חס' - 'חסד'**.

מיר זאגן ווייטער "למענך אלוקים חיים". רבוש"ע, מיר ווילן לעבן כדי מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטן, און אז מיר ווילן דינען דעם אייבערשטן, קומט זיך אונז דער צווייטער מין חיים, וואס איז מצד חסד.

## סוד הגימטריא של 'ובכן' מידת החסד סוד התענית ביטול גזירת המן

זאגט דער הייליגער חתם סופר ווייטער א דבר נורא. דער **טור** ברענגט אין סימן תקפ"ב אז מיר זאגן דריי מאל ו"בכן" אין די שמונה עשרה פון ראש השנה. פארוואס? ברענגט דער טור פון די ראשונים, אז דריי מאל "בכן" באטרעפט די גימטריא פון ע"ב (72), וואס דאס איז די גימטריא פון חס"ד.

זאגט דער הייליגער חתם סופר, און ער ברענגט פונעם **מנות הלוי** א מורא'דיגן פשט. מיר געפינען ביי אסתר המלכה, אז מרדכי און אסתר האבן זיך געשיקט שליחים אהין און צוריק ווי אזוי מבטל צו זיין די גזירה, און זיי זענען אויפגעקומען מיט א עצה צו פאסטן דריי טעג

און דריי נעכט. פרעגט דער מנות הלוי, וואס איז דער סוד פון פאסטן פונקט דריי טעג און דריי נעכט?

נאָר וויבאלד יעדער טאג האט פיר און צוואנציג שעה, דריי מאל פיר און צוואנציג איז 72. **דורך דעם וואס מען וועט פאסטען 72 שעה וועט מען ממשיך זיין די מידת החסד, ווייל חס"ד איז בגימטריא ע"ב.**

זאגט דער מנות הלוי, דאס איז דער פשט וואס אסתר המלכה האט געזאגט פאר מרדכי: "ובכן אבוא אל המלך", 'בכן' איז בגימטריא ע"ב, מרמז צו זיין אויף מידת החסד. דורך דעם וואס די אידן וועלן פאסטן צוויי און זיבעציג שעה, וועלן זיי ממשיך זיין די מדת החסד און דעם שם ע"ב, און דעמאלטס "אבוא אל המלך" - וועל איך קומען צום 'מלכו של עולם' און פועל'ן מבטל צו זיין די גזירה.

דער טור דא ביי אונז זאגט, אז ווען עס קומט ראש השנה זאגן מיר דריי מאל "ובכן", און ער ברענגט אראפ דעם פסוק ביי אסתר המלכה "ובכן אבוא אל המלך".

לכאורה, וואס פאר א שייכות האט ראש השנה מיט די גזירה פון המן? אבער לויט ווי מיר שמועסן, זאגט דער הייליגער חתם סופר, איז עס מורא'דיג, ווייל אסתר המלכה האט זיך אויך באנוצט מיט'ן שם ע"ב און מיט חסד, און דאס זעלבע בעטן מיר אין די הייליגע טעג אז בזכות התפלה ותשובה זאלן מיר זוכה זיין צו ח-י-י-ם וואס איז ס"ח מיט די פיר אותיות וואס איז בגימ' חס"ד.

**ווי אזוי שבת קודש פילט אויס די שעות פון 'חסד' במקום שופר**

זאגט דער הייליגער חתם סופר, לויט דעם גאנצן בנין, לאמיר יעצט צוקומען צו א ראש השנה וואס געפאלט אויס אום שבת.

יעדעס יאר ראש השנה האבן מיר צוויי טעג, וואס ווערן פארעכנט אלס איין 'יומא אריכתא', וואס צוזאמען זענען דאס אכט און פערציג שעה, כמנין **מ"ח**. אבער מיר דארפן דאך צוקומען צו צוויי און זיבעציג שעה - ע"ב, עס פעלט אונז נאך 24 שעה?

זאגט דער חתם סופר א דבר נורא מאוד. **די מצוה פון תקיעת שופר האט אזא שטארקן כח, אז דאס איז משלים כאילו עס איז דא נאך א טאג פון כ"ד שעות. ממילא האבן מיר צוזאמען דריי טעג, וואס דאס זענען צוויי און זיבעציג שעה ע"ב און מיר האבן די מידת החס"ד בגימ' ע"ב!**

זאגט דער חתם סופר, דאס איז אין א געווענליך יאר. אבער **ווען ראש השנה געפאלט אום שבת, וויבאלד שבת פארמאגט אן אייגענע קדושה, לייגט שבת צו נאך א טאג.** מיר האבן די צוויי טעג ראש השנה, מ"ח, און צו דעם לייגען מיר צו קדושת שבת וואס רעכנט זיך ווי נאך א טאג, כ"ד, צוזאמען וועט זיין ע"ב כמנין חס"ד.

אויב אזוי האבן מיר שוין די צוויי און זיבעציג שעה, אכט און פערציג שעה פון ראש השנה און נאך פיר און צוואנציג שעה פון שבת.

זאגט דער חתם סופר, אז **אין אזא פאל דארף מען נישט צוקומען צו די מצוה פון תקיעת שופר, ווייל מיר האבן שוין מצד די עצם צוויי טעג ראש השנה, מיט שבת, די צוויי און זיבעציג שעה פון חסד!**

זאגט ער, דאס איז דער פשט אין פסוק (הושע ו, ב) "יְחַיֵּנוּ מִיֹּמָיִם בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי יְקִמֵנוּ וְנִחְיֶה לְפָנָיו". 'יומים' מיינט צוויי טעג, ווען עס זענען נאָר פאראן צוויי טעג, כמנין מ"ח. אבער מיר דארפן א דריטע טאג צו משלים זיין די מנין פון ע"ב וואס זאל געבן חיות און ממתיק זיין די דינים, איז יעדעס יאר האבן מיר די מצוה פון תקיעת שופר.

אבער "בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי" - ווען ראש השנה געפאלט אום שבת און עס קומט צו נאך א טאג פון קדושת שבת "יְקִמֵנוּ וְנִחְיֶה לְפָנָיו" - זענען מיר זוכה צו לעבן פאַר'ן אייבערשטן ווייל מיר האבן די צוויי און זיבעציג שעה פון חסד.

"וְנִחְיֶה לְפָנָיו" איז מרמז אויף "למענך אלקים חיים", ווייל דעמאלטס דינען מיר דעם אייבערשטן אלס אַן עבד השם, און ווען א מענטש איז אַן עבד השם איז ער זוכה צו חסד, וואס איז בגימטריא ע"ב.

(בדרך אפשר י"ל, דאי' שבשבת קודש מוחלין לו על כל עוונותיו, וכן עם הארץ אימת שבת עליו, וג"כ זוכין לכתרים של נעשה ונשמע כדאי' מאר"י הקדוש, ממילא אז כל יהודי זוכה להיות 'עבד השם', וממילא כל אחד נכנס לדינו של ח-י-י-ם שבגימ' חס"ד שהוא מיוחד לעובדי השם כדכ' החת"ס הנ"ל).

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין אויסצונוצן יעדע רגע אין אזא געוואלדיגן זמן פון ראש השנה שחל להיות בשבת, פועל'ן א 'כתיבה' וחתימה טובה בספרן של צדיקים, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צום "ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו", וואס גייט ארויף אויפ'ן בנין בית המקדש השלישי בתפארתו במהרה בימינו, אמן.

# דער מורא'דיגער כח הדיבור אין די 48 שעה פון ראש השנה וואס קען איבערדרייען אלע עולמות!

### "תכתב ותחתם": זענען מיר אלע צדיקים!

ראש השנה איז דער 'מֹחַ השנה', די מ"ח שעה וואס זענען משפיע אויף א גאנץ יאר, דעריבער דארף מען מורא'דיג היטן דעם דיבור.

דער דיבור אין די אכט און פערציג שעה האט א מורא'דיגן כח, און מען דארף זען צו רעדן גוטע זאכן אויף זיך אליינס און זיך מחזק זיין מיט גוטע דיבורים, חלילה נישט ארויסזאגן קיין נעגאטיווע זאכן. און זיכער נישט אויף אנדערע אידישע קינדער, נאָר אדרבה רעדן און טראכטן גוטס אויף אידישע קינדערלעך.

לאמיר זען דעם כח הדיבור וואס ווערט גע'פסק'נט אין שולחן ערוך.

דער **רמ"א** זאגט אין סי' תקצ"ב, אז ראש השנה ביינאכט ווינטשט מען זיך, "**ונוהגין שכל אחד אומר לחבירו לשנה טובה תכתב**".

קומט דער **מגן אברהם** (ס"ק ח') און ברענגט אראפ פונעם ספר **מעגלי צדק** (וואס איז געווען אין די צייטן פונעם בית יוסף), אז מען זאל זאגן 'תכתב **ותחתם**', דאס הייסט אז מען זאל שוין ווערן געחתמ'עט אויך.

פרעגט דער מגן אברהם א מורא'דיגע קשיא: מיר אלע ווייסן דאך אז נאָר 'צדיקים גמורים' ווערן געשריבן און גע'חתמ'ט גלייך ראש השנה, אבער 'בינונים' זענען 'תלוים ועומדים'. מיר זאגן דאך אין ונתנה תוקף: "בראש השנה יכתבון וביום צום כיפור **יחתמון**".

אויב אזוי, **לויט דער רמ"א און די גירסא פונעם מעגלי צדק אז מען זאגט איינער פארן צווייטן 'תכתב ותחתם', מיינט דאס דאך אז דו האלטסט אז יעדער איז א צדיק גמור?**

### דער כח פון 'להחזיק לצדיק': ווי אזוי אונזערע רייד באשאפן א נייע מציאות

לאמיר אביסל פארברייטערן די קשיא. דער מגן אברהם מיינט צו פרעגן, גאנץ כלל ישראל ווינטשט זיך איינער פאַר'ן צווייטן, אז מיר זענען צדיקים גמורים וואס ווערן שוין נכתב ונחתם ראש השנה, **דאס מיינט דאך אז דעם 'וחתמנו' וואס מען זאגט ביי נעילה, זאגט מען שוין יעצט ליל ראש השנה! וואס איז דער ביאור הענין?**

ענטפערט דער מגן אברהם א הפלא'דיגן תירוץ:

"**וכן נכון שיחזיקו לצדיק שנחתם לאלתר לחיים**" - דער מג"א אז זאגט עס איז ריכטיג, יא יא! אזוי דארף זיין, מען דארף מחזיק זיין דעם חבר פאר א צדיק.

דאס טייטש, **דער מגן אברהם פסק'נט אַן 'הלכה למעשה' אז דער דיבור וואס דו זאגסט אז דיין חבר איז א צדיק, דאס גייט ממשיך זיין אז ער זאל טאקע זיין א צדיק!**

קומט אויס אז דער כח הדיבור און דער כח הברכה וואס איין איד קען וואונטשן פארן צווייטן איז איום ונורא! כלל ישראל האט א כח מיט זייערע רייד צו מאכן גאנץ כלל ישראל פאר צדיקים!

לאמיר אביסל פארברייטערן די סוגיא.

דער הייליגער **קדושת לוי** זי"ע, דער סניגורן של ישראל, שרייבט אין זיין ספר (פרשת שופטים) אַן עצה נפלאה א גאנץ יאר, און בפרט די הייליגע טעג.

וזל"ק: "**הנה הקב"ה שופט את כנסת ישראל בבוא יום המשפט בגודל רחמיו וחסדיו**". דער אייבערשטער ווען ער קומט משפט'ן כלל ישראל, ווי ס'שטייט אין די גמרא אין ראש השנה, "וכל באי עולם עוברים לפניו כבני מרון", די גמרא זאגט "כי חק לישראל הוא משפט לאלקי יעקב", ס'איז א יום המשפט, פונדעסטוועגן דער אייבערשטער וויל משפט'ן אידן מיט'ן 'מידת הרחמים'.

ווי די גמרא זאגט, "אמר הקדוש ברוך הוא, אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם, זכרונות כדי שיעלה זכרונכם לפני לטובה, ובמה? בשופר". ווי אויך שטייט אין **מדרש** אז ביי תקיעת שופר גייט דער אייבערשטער כביכול אראפ פון "כסא דין ויושב על כסא רחמים".

זאגט דער הייליגער קדושת לוי, דער רבוש"ע וויל משפט'ן די אידן

מיט רחמים, אבער ס'פאָדערט זיך א 'פעולה קטנה' פון אונז. ווי ס'שטייט אין **זוהר הקדוש** כמה פעמים, אז אַן אתערותא דלתתא איז מעורר אתערותא דלעילא.

פרעגט דער הייליגער קדושת לוי, וואסערע פעולה זאל מען טון?

זאגט דער קדושת לוי, "**על ידי שאנו למטה מתנהגים בחסד ומלמדים זכות על כל איש מישראל לדונם לכף זכות, על ידי זה גם מלמעלה נתעורר אותה המדה ומלמדים גם עליו וגם על כל זרע ישראל חסדים**".

עס איז דא צוויי עצות: אדער זאלסטו טון **חסד בפועל**, דאס הייסט דו ביסט אן עסקן וואס טוט חסד, זאלסטו וויסן דו טוסט דא מורא'דיגע זאכן, ווייל מדה כנגד מדה, אז דו טוסט חסד, וועט מען טון פאר דיר חסד מלמעלה. און טאמער דו ביסט נישט פון די מענטשן וואס זענען עסקנים און טוען חסד בפועל, זאלסטו עכ"פ **בדיבור ובמחשבה רעדן און טראכטן און זאגן פאר דיין חבר גוטע ווערטער**, מחזק זיין זיין חבר, געב אים א שמייכל, הייב אים אויף, און מיט דעם וועסטו מעורר זיין זכותים אויף דיר, און דער קדושת לוי לייגט צו אז אויב דו טוסט דאס וועסטו מאכן אז אויך אויף גאנץ כלל ישראל וועט נשפע ווערן רחמים.

און דער קדושת לוי ענדיגט צו אזוי: "**נמצא כי האדם מעורר במעשיו למטה את השער העליון לפתוח שערי חסד, להריק ברכה על כל זרע ישראל**".

זאגט דער הייליגער קדושת לוי, זאלסט וויסן, אז מיט דעם, נישט נאָר דו טוסט פאר דיר, נאָר אויף גאנץ כלל ישראל טוסטו אויף א מורא'דיגע זאך, ווייל דורך דעם וואס דו טוסט עוסק זיין אין חסד, אדער דיבורים של חסד, מחשבה של חסד, ברענגסטו אראפ חסד פאר גאנץ כלל ישראל.

דער מגן אברהם זאגט, "**וכן נכון שיחזיקו לצדיק שנחתם לאלתר לחיים**" - ס'איז ריכטיג צו טון אזוי. דער מגן אברהם מיינט צו זאגן די כוונה פון בארדיטשובער רב, ס'איז ריכטיג אז מ'זאל זען צו מלמד זכות זיין, ווייל דורך דעם וועסטו האבן א גוט געבענטשט יאר, און דיין חבר א גוט געבענטשט יאר, און גאנץ כלל ישראל אויכעט.

בעצם שטייט דא נאך א יסוד נפלא אין מג"א. אז **ווען דו הערסט פון דיין חבר אז דו ביסט א צדיק און אז ער האלט דיך פאר א צדיק, גיט דאס 'א גוטע געפיל', א הרגשה טובה פאר דיין חבר**, און די תולדה פון די געפיל ברענגט ארויס אזא מין כח און ענערגיע פאר דיין חבר אז ער זאל טאקע תשובה טון, און זיך מקבל זיין אויף להבא, טוישן זיין לעבן, דאווענען מיט התלהבות, און אנהייבן דינען דעם אייבערשטן מיט א געוואלדיגע שמחה, און **ער וועט טאקע ווערן א צדיק!**...

**א איד וואס הערט ראש השנה ביינאכט ווען יעדעם'ס הארץ איז מלא פחד, און פלוצלינג הערט ער איינמאל און נאכאמאל דאס געשריי: "דו ביסט א צדיק!" דאס גיבט אריין א געוואלדיגע חיות אין דער מענטש עד זאל זיך טאקע נעמען צו די עבודת הקודש אין די נייע יאר און ווערן א צדיק.** דאס איז דער געוואלדיגער כח הדיבור ראש השנה.

## די סכנה פון נעגאטיווע דיבורים לויט'ן תנא דבי אליהו און מהרש"א

מען דארף אבער שטארק באטאנען אז א מענטש זאל נישט פארגעסן צו זאגן גוטע ווערטער נישט נאָר פאר זיין חבר, נאָר **אויך פאר זיך אליין**... טראכטן גוטס אויף זיך און רעדן גוטס אויף זיך אליין.

עס איז דא א מורא'דיגער **תנא דבי אליהו**, און דער הייליגער **מהרש"א** אין מסכת מכות (דף י') זאגט דעם זעלבן יסוד פונעם תנא דבי אליהו.

די גמרא זאגט דארט ביי 'בלעם הרשע', אז "בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו". זאגט דער הייליגער מהרש"א, ווען א מענטש טראכט נעגאטיוו און רעדט נעגאטיוו - ער זאגט אז ער איז א רשע ח"ו, ער טויגט נישט, ער קען נישט לערנען אדער דאווענען, ער קען נישט אויפשטיין פארטאגס, עבודת השם איז נישט פאר אים, ער קען זיך נישט היטן פון לשון הרע - און ער האלט אין איין רעדן און טראכטן אז ער קען נישט, **באשאפט ער מיט זיינע ווערטער אין מחשבות שווארצע מלאכים רח"ל**. און די דאזיגע מלאכים שטייען נישט ליידיג.. זיי דרייען דעם מענטש א קאפ ער זאל מקיים זיין זיין 'אייגענע פסק הלכה', אז ער זאל נישט קענען לערנען בהתמדה ח"ו!

דאס איז געווען פשט ביי בלעם הרשע, ער האט א גאנצע צייט געטראכט און גערעדט אז ער וויל נישט זיין גוט, א גאנצע צייט האט ער געוואלט זיין א 'גונב דעת עליון' - ער האט באשאפן טויזנטע מלאכים וואס האבן אים געשטופט טאקע צו גיין - אז די רבש"ע האט געזאגט "לך", דו קענסט גיין מיט זיי, אבער דו וועסט ממילא גארנישט אויפטון, "כי ברוך הוא", אידישע קינדער זענען געבענטשט.

מדה טובה מרובה, ווען א מענטש פאנגט אָן צו טראכטן: "איך בין א צדיק, איך גיי אויפשטיין פארטאגס, איך גיי לערנען בהתמדה, איך גיי מיך אפהיטן פון

לשון הרע און רכילות, איך גיי היטן מיינע אויגן, איך גיי האבן א דביקות און א ברענענדיגע דאווענען שבת, איך גיי דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה און אים דאנקן יעדע רגע", **די דאזיגע מחשבות טובות און דיבורים טובים באשאפן לעכטיגע גוטע מלאכים.**

זאגט דער הייליגער מהרש"א אז **די דאזיגע מלאכים נעמען צו די בחירה פונעם מענטש און לייגן אים אריין בעל כרחו אין א מצב אז ער ווערט אן עובד ה' און א צדיק גמור!**

דאס איז דער פשט פון "בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו". **דאס איז דער כח המחשבה און דער כח הדיבור פון א מענטש, אז ער באשאפט מלאכים וואס פירן אים אויף'ן גוטן וועג.**

(כמובן אז די פָאזעטיווע כח המחשבה דארף גיין מיט א געוואלדיגע 'בטחון' אין הקב"ה בתפילה הכנעה וענווה).

### ראש השנה אלס דער 'בלופרינט' פונעם יאר: טראכטן פאזעטיוו

כל שכן וכל שכן ווען עס קומט ראש השנה, דער 'מח השנה', די מחשבות און דיבורים וואס מיר האבן יעצט האבן אזא געוואלדיגן כח. ווי דער הייליגער **רבי ר' פנחס קאריצער** זי"ע זאגט אין 'אמרי פנחס', אז **דאס איז דער 'בלופרינט' פונעם יאר**. זאל מען א גאנצע 24 שעה כסדר נאר טראכטן פאזעטיוו:

טראכטן אז איך בין א בן מלך - בנים אתם לה' אלוקיכם. טראכטן דברי חיזוק ובטחון פון דער טור בשם המדרש, אז מיר גייען זוכה זיין בדין. טראכטן די גרויסקייט פון תשובה ותפלה, בפרט פון מלכיות-זכרונות-שופרות וואס דאס גייט מיר ברענגען א זיס לעכטיג יאר ברוחניות וגשמיות.

טראכטן די געוואלדיגע כח פון א מצווה ובפרט פון 'תקיעת שופר' וואס מיט'ן קול שופר "הקב"ה יושב על כסא רחמים".

האלטן אין איין טראכטן: **"בעזרת השם איך וועל זיין אן עובד השם, עס גייט זיין א שמחה'דיג יאר, איך גיי האבן נחת פון די קינדער און פרנסה בהרחבה", וכו' וכו'...**

די אלע דיבורים ווערן פועל'ן, פונקט ווי מיר זעען אז דער תנא דבי אליהו, רמ"א בשם דער טור, דער מעגלי צדק, מגן אברהם, מהרש"א און קדושת לוי האבן גע'פסק'נט, אז **דורך דעם דיבור פון מחזיק זיין דעם חבר פאר א צדיק, ווערט ער טאקע נכתב ונחתם ווי א צדיק גמור!**

**און דורך דעם דיבור פון מחזיק זיין דיר אליינס וועסטו אויכעט נכתב ונחתם ווערן ווי א צדיק גמור!**

## אבילת הסימנים

# דער כח פון אבילת הסימנים און דער מקור המנהג

### דער מקור פון די סימנים אין גמרא

כלל ישראל פירט זיך ליל ראש השנה צו טינקן דעם עפל אין האניג, און עסן די הייליגע סימנים, כדי מיר זאלן האבן א זיס, לעכטיג און געבענטשט יאר.

דער מקור פון די סימנים איז א מנהג וואס ווערט שוין געברענגט אין דער **גמרא** אין מסכת כריתות (דף ו, א), ווי אויך אין דער גמרא סוף מסכת הוריות. די גמרא זאגט דארט אזוי: "**אמר אביי, השתא דאמרת סימנא מילתא היא**" - אזוי ווי א סימן האט אין זיך א דבר שיש בו ממש, "**יהא רגיל איניש למיכל ריש שתא**" - זאל א מענטש זיין געוואוינט צו עסן אנהייב יאר: "**קרא, רוביא, כרתי, סלקא, ותמרי**".

דער הייליגער **בית יוסף** ברענגט אראפ פון די **ראשונים** אז מען זאל זאגן דעם "יהי רצון" מיט'ן אייבערשטנ'ס נאמען, בשם ומלכות, פונקט ווי ביים דאווענען. דער לשון פונעם בית יוסף איז, אז מען זאל זאגן **"יהי רצון לפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו"**, און ביי יעדע מין זאגן זיין ספעציפישן נוסח.

עס זענען דא וואס האלטן אז נאָר ביים תפוח בדבש זאגט מען דעם יהי רצון מיט אייבערשטנ'ס נאמען, און ביי די אלע אנדערע סימנים זאגט מען נאָר דעם 'יהי רצון' אָן דעם נאמען. יעדער איינער פירט זיך לויט זיין מנהג, נהרא ונהרא פשטיה.

## די קשיא פון 'דרכי אמורי' און 'נַחַש'

אבער דא שטעלט זיך א מורא'דיגע קשיא: מיר ווייסן דאך אז מען טאר נישט טון קיין זאכן וואס זענען 'דרכי אמורי' און מען טאר נישט טון קיין 'נַחַש', ד.מ. מען טאר נישט פראווען דעם אייבערשטן, (נישט טון קיין כישוף אדער סימנים וכדו').

אויב אזוי, ראש השנה בייניאכט - וואס איז דאך דער 'מח השנה', וואס ביי יעדע ריר וואס מען טוט דארף מען זיין אזוי פארזיכטיג עס זאל זיין לפנים משורת הדין, **ווי קען מען טון אזא זאך וואו עסן 'סימנים' וואס קען חלילה אויסקוקן ווי א 'נַחַש'?**

די קשיא ווערט שוין געפרעגט אין די ראשונים, און בעזרת השם וועלן מיר דא זען א יסוד נפלא וואס וועט באלייכטן דעם סוגיא.

## דער ביאור פונעם מהרש"א: סימנים טובים מיט בטחון

דער הייליגער **מהרש"א** סוף מס' הוריות זאגט א דבר נורא.

ער זאגט אז דער גאנצער ענין פון 'נַחַש' איז נאָר ווען א מענטש מאכט א 'ספק', ער איז נישט זיכער און ער זאגטביידע צדדים. למשל ער זאגט אזוי: אויב עס וועט זיין א זוניגער טאג, וועט זיין א גוטער טאג, אבער אויב עס וועט רעגענען, וועט חלילה זיין פארקערט. זאגט דער מהרש"א אז דאס הייסט 'נַחַש', ווייל ער רעדט נעגאטיווע זאכן. **און וויבאלד א אידיש קינד איז תלוי בהקב"ה קומט אויס אז שלעכטץ איז נישט א פארזיכערטע זאך – ער קען תשובה טון און מרבה זיין בתפלה ובתיקון המעשים.**

אבער, זאגט דער הייליגער מהרש"א, אויב א מענטש מאכט זיך א סימן און זאגט נאָר דעם פּאָזיטיוון צד: "אויב עס וועט זיין א זוניגער טאג וועט זיין א גוטער טאג", אבער ער פירט נישט אויס וואס וועט זיין אויב נישט, דאס הייסט שוין נישט קיין 'נַחַש'.

קומט אויס פונעם מהרש"א א מורא'דיגע זאך, אז **דער גאנצער ענין פון 'דרכי האמורי' און גיין אין די וועגן פון די גויים ח"ו, איז נאָר אויב מען טוט דעם 'נעגאטיוון חלק' ווייל דעמאלטס ווייזט ער אז ער האט נישט קיין בטחון און ער גלייבט נישט אין תשובה, תורה און מצוות.** אבער אויב א מענטש איז פול מיט בטחון און טראכט נאָר גוטס, דעמאלטס מעג ער טון סימנים, ווייל 'סימנא מילתא היא'.

לויט דעם פארשטייען מיר יעצט פארוואס מיר עסן די סימנים, ווייל **מיר עסן די זיסע און געשמאקע זאכן נאָר כדי צו מאכן 'סימנים טובים', און מיר האבן בכלל נישט קיין אנדערע כוונות דערין.**

אגב, עס איז דא א מורא'דיגער **תרומת הדשן**. דער **לקט יושר**, וואס איז געווען א תלמיד פונעם תרומת הדשן, ברענגט אראפ א מורא'דיגן מנהג פון זיין רבי'ן.

ער זאגט אז זיין רבי פלעגט עסן אלע סימנים דורכאויס די גאנצע עשרת ימי תשובה. ער איז עס מדייק פונעם לשון הגמרא: "אמר אביי, השתא דאמרת סימנא מילתא היא, לעולם יהא רגיל למחזי **בריש שתא**". 'ריש שתא' מיינט דעם אנהייב פונעם יאר, זאגט ער אז דאס מיינט **די גאנצע עשרת ימי תשובה.**

און לויט ווי מיר האבן געשמועסט, מיינט עס **אז א מענטש זאל "גאנץ עשרת ימי תשובה" כסדר טראכטן און שפירן נאָר די גוטע חלקים און דעם חלק הבטחון, און בכלל נישט טראכטן פונעם אנדערן זייט.**

## פון דעם עפּל צום מענטש: ווערן אליין זיס און לעכטיג...

מען דארף דא נאָר באטאנען א מורא'דיגע נקודה: ווען מען איז פארקאָכט אין די סימנים און מען עסט דעם עפל מיט האניג און אלע זיסע זאכן, **דארף מען מאכן זיכער אז די האניג זאל נישט בלייבן בלויז אויפ'ן עפל...**

מען דארף זען אז דער זיסער עפל מיט'ן האניג און די לעכטיגע סימנים, ווען זיי קומען אריין אינעם מענטש, זאלן זיי איבערדרייען דעם מענטש גופא. דער מוח זאל ווערן האניג, דאס הארץ זאל ווערן האניג, מען זאל אליין ווערן זיס און לעכטיג. אָנהייבן צו דינען דעם אייבערשטן מיט א מורא'דיגן תענוג און מיט א שמחה, און אויפהערן טראכטן שליליות'דיגע מחשבות אז איך האב נישט די כוחות צו זיין א עובד השם, וכדו'.

נאָר אדרבה ואדרבה, אנהייבן צו טראכטן זיסע זאכן: "טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף..." די תורה הקדושה איז "מתוקים מדבש ונפת צופים..." "פקודי ה' ישרים משמחי לב..." "הנחמדים מזהב ומפז רב ומתוקים מדבש ונפת צופים..." **מען דארף אָנהייבן טראכטן אז עבודת ה' איז געשמאק! זיס! לעכטיג!**

און די זעלבע זאך, מ'דארף אנהייבן צו טראכטן זיס און לעכטיג אויף א צווייטע אידיש קינד.

ווען מ'עסט די עפל מיט די האניג, דארף עס אריינגיין אין אונז און אונז איבערמאכן, אז **מיר זאלן אליין אויך ווערן א שטיקל האניג...** עס זאל זיין א 'טופח על מנת להטפיח', **סיי פאר אונז און סיי פאר די ארומיגע.**

א זיס געבענטשט יאר!

# די כח התפילה אין די הייליגע טעג צוזאמען מיט די אבות הקדושים פון גן-עדן

## דער יצה"ר ביים דאווענען און דער תשובה צו אים

אין די הייליגע טעג, וואס שעות ארוכות זענען מיר דאווענען אין בית המדרש, מ'גיסט זיך אויס דאס הארץ און מ'בעט פאר א גוט געבענטשט יאר ברוחניות ובגשמיות. מיר בעטן דעם אייבערשטן: "אבינו מלכנו, פתח שערי שמים לתפילתנו".

זייער אָפט פארדרייט דער יצר הרע דעם קאפ ביים דאווענען מיט מחשבות ווי: "**ווער זאגט אז דיין דאווענען איז חשוב? ווער זאגט אז דיין דאווענען גייט בכלל ארויף אין הימל? און אפילו אויב עס גייט יא ארויף, ווער זאגט מען גייט דיר ענטפערן? דו ווייסט דאך יא ווער דו ביסט, לב יודע מרת נפשו...**"

די אלע מחשבות און הרגשים צעברעכן א מענטש מורא'דיג שטאַרק און נעמען אוועק די גאנצע התחזקות התפילה.

די ערשטע תירוץ וואס מען דארף ענטפערן דער יצה"ר א גאנץ יאר ובפרט אין די הייליגע טעג, איז אז מ'זאל אים זאגן פשוט און גלאט, "איך בין א איד און דער רבש"ע וואס האט מיר געזאגט ביים בארג סיני צו היטן שבת, לייגן תפילין, און אלע מצוות... אין איך האב נישט קיין שום פטוֹר אויף קיין שום מצוה אדער עבירה ווייל איך בין נישט אזא בעל מדריגה! איז מוכרח מזה אז מיין תורה ומצוות איז "יא חשוב" ביים אייבערשטן!

דאס זעלבע ביי תפילה. דער רבוש"ע וויל איך זאל דאווענען 3 מאל א טאג צו אים, אינדערוואכן, שבת, יו"ט... און **עס שטייט נישט קיין שום פטוֹר אין די תורה אז "ווייל איך בין נישט א בעל מדריגה בין איך פטור פון דאווענען..."** איז מוכרח מזה אז מיין תפילה איז "יא חשוב"!

ובפרט ביי ראש השנה שטייט אין **חז"ל** (ר"ה טז, א) "אמר הקב"ה אמרו לפני מלכיות שתמלוכוני עליכם". **דער אייבערשטער כביכול אליינס בעט זיך ביי יעדער איז באשר הוא שם, "אמרו לפני מלכיות!" - שטייט דא ווי חשוב און טייער מיין תפילה איז.**

דערנאך זאגט די גמרא, "אמרו לפני זכרונות שיעלו זכרוניכם לטובה". ווייטער שטייט דא אז מיין תפלה איז יא ווערד א געוואלד.

דערנאך שטייט "ובמה? בשופר". דאס טייטש, **מיין מצוה, אין די שפל המצב וואס איך זע אויס, איז זייער חשוב ביים רבוש"ע!**

דעס איז א יסוד א גאנץ יאר בכלל, ובפרט אין די הייליגע טעג וואס מיר זענען מרבה בתפילות ותחנונים לפני אדון כל.

## די געוואלדיגע גילוי פונעם חתם סופר: די אבות דאווענען מיט אונז

קומט דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע אין זיינע דרשות (סליחות דרוש י"ב דף ש"נ, וע"ע דרוש י"ז דף שס"ו) און זאגט א חיזוק נורא ואיום. ער זאגט אז ווען מיר דאווענען אין די הייליגע טעג, קומען אראפ נשמות קדושות, דאס הייסט די נשמות פון גן עדן, **די אבות הקדושים קומען אראפ, צו דאווענען אינאיינעם מיט אונז די הייליגע טעג.**

דאס איז אזא געוואלדיגע התחזקות! לאמיר אריינטראכטן, אויב מיר וואלטן געגאנגען דאווענען אין אברהם אבינו'ס אדער דוד המלך'ס בית המדרש, וואלטן מיר זיך געשפירט אזוי גוט און אהיימגעקומען מיט אזא שטארקן בטחון, וויבאלד מיר האבן געדאווענט מיט אברהם אבינו און דוד המלך אליין!

זאגט דער הייליגער חתם סופר אז **פונקט דאס פאסירט אין די הייליגע טעג.**

וזל"ק: "**קבלנו**" - מיר האבן מקבל געווען, "**שבראש השנה ויום הכיפורים הנשמות הקדושות שכבר מתו**" - דאס מיינט די נשמות פון די צדיקים, "**ונשמות האבות**" - די הייליגע אבות הקדושים, "**מצטרפים עמנו בבית הכנסת בתפילתנו**".

## האמהות הקדושות מתפללים עמנו

יעצט, מיר האבן געזען דער הייליגער חתם סופר זאגט אז די הייליגע 'אבות הקדושים' קומען אראפ ראש השנה צום דאווענען. וואס טוט זיך מיט די 'אמהות הקדושות'? ובפרט אז אונז ווייסן מיר אז **בראש השנה נפקדה שרה, רחל, חנה**, ווי ס'שטייט אין די גמרא ראש השנה (דף י"א).

איז בעצם דארף מען דא צוצייכענען די ווערטער פון הייליגן **'שר שלום'** פון **בעלזא** זי"ע (עי' **מדבר קדש** דף צ"א- ק"ה) וואס זאגט ביי די ענין פון די אושפיזין וואס קומען צו גיין די יום טוב סוכות. כידוע אז דער **זוהר הקדוש** זאגט אז יעדן טאג פון יום טוב סוכות קומען צו גיין אלע אבות הקדושים, נאָר יעדן טאג איז דא איינער בראש, דער ערשטער טאג אברהם, דער צווייטער טאג יצחק, א.א.וו.

זאגט דער הייליגער 'שר שלום' פון בעלזא, **"וזה ידוע דעם האבות באו אמהות גם כן באו"** - אז די אבות קומען צו גיין צוזאמען מיט די אמהות. און ער זאגט דארטן כמה וכמה גמטריאות ווי ס'איז מרומז, אז ווען די אבות קומען צוזאמען די אמהות.

די זעלבע זאך איז דא אויכעט, ביי די הייליגע טעג אז די אבות קומען, קומען צו גיין די אמהות פונקט אזוי. בפרט אז אין ראש השנה זענען די אמהות נפקד געווארן.

נאך מער, מיר ליינען דאך ביי קריאת התורה די קריאה פון "וה' פקד את שרה", און מיר ליינען די הפטורה פון 'חנה'. פארוואס? **ווייל דער אייבערשטער האט דעמאלטס פוקד געווען די הייליגע אמהות. ממילא איז אוודאי און אוודאי קומען זיי אין בית המדרש זיך** **משתתף זיין מיט אונזערע תפילות.**

## דער סוד פון "קבלנו"

יעצט דארף מען דא צולייגן עטליכע נקודות וואס אנטהאלטן געוואלדיגע חיזוקים אין די ווערטער פונעם חתם סופר.

די ערשטע זאך איז, דער חתם סופר זאגט "קבלנו", אבער ער פארציילט נישט פון וועמען ער האט עס מקבל געווען. געווענליך ווען דער חתם סופר זאגט נאך א זאך פון זיינע רבי'ס, ווי רבי נתן אדלער, דער הייליגער בעל הפלאה, רבי זלמן חסיד - וואס האט געהאט 'גילוי אליהו' כעידות רבו, רבי מענדעלע ליליגער - תלמיד פון פני יהושע, רבי טעבלי שייער, ועוד ענקי הרוח טוט דער הייליגער חתם סופר דערמאנען זייערע נעמען מיט גרויס התלהבות, יראת הכבוד און השתוקקות, בפרט אז "האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם". דא אבער דערמאנט ער נישט קיין שום נאמען.

**ס'איז זייער מעגליך אז ווען דער חתם סופר האט געזאגט "קבלנו", האט ער געמיינט 'אליהו הנביא זכור לטוב'.** און ווי מיר ווילן זען אז אליהו הנביא איז געווען אַן אפטער גאַסט ביי אים, ובפרט 'ערב יום הקדוש', ווי מיר ווילן זען אין די קומענדיגע מעשה.

## גילוי אליהו הנביא אצל החתם סופר כל ערב יום הקדוש

הרה"ק **רבי יאנקעלע פשעווארסקער** זי"ע האט געבעטן מפרסם צו זיין די מעשה:

דער הייליגער **פרעשבורגער רב**, דער 'דעת סופר' זי"ע, פלעגט פארציילן א מעשה וואס ער האט מקבל געווען פון דער איידעם פון חתם סופר **רבי משה טובי' לעהמאן** וואס ער איז געווען דער בעל העובדא בעצמו (מובא בספר 'ספרא דמלכא' דף ש', ובעוד ספרי תולדות החת"ס).

דער הייליגער חתם סופר נאך די ערשטע סעודה ערב יום כיפור פלעגט זיך מייחד זיין אין א צימער, און ער האט קיינעם נישט געלאזט אריינקומען, אין אלע שטוב מענטשן האבן געוואוסט אז עס איז א מורא'דיגע זמן, ולא יהיו איש לפתוח הדלת.

איין יאר ערב יום הקדוש האט רבי משה טובי' לעהמאן, ווען ער איז געווען א חתן ביים חתם סופר, געוואלט זייער שטארק מקבל זיין א ברכה פאר די הייליגע טאג. רבי משה טובי', האט נישט געוואוסט אז יעצט, נאכן ערשטן סעודה, ווען דער הייליגער חתם סופר איז פארשפארט, עפנט קיינער נישט אויף דעם טיר. איז ער צוגעגאנגען צום טיר בתמימות, ער האט אויפגעמאכט דעם טיר. **אזוי ווי ער האט אויפגעמאכט דעם טיר, האט ער געגעבן א שפרינג אויף צוריק, ער איז אראפגעפאלן און גע'חלש'ט...**

דער הייליגער חתם סופר איז ארויסגעקומען, האט ער אים געפרעגט: **"האָסטו וואָס געזען?"**

האט ער געענטפערט: **"איך האב מיך דערשראקן, איך האב געזען א פייער!"** און דער הייליגער חתם סופר האט אים אריינגעזאגט אין אויער: **"איך האב א באזוך געהאט, אליהו הנביא איז געווען ביי מיר!..."**

ווען ר' ישראל שטערן פון לאנדאן האט געהערט די מעשה פון ר' פנחס יודא ליבערמאן, וואס ער האט עס געהערט פון דעת סופר, איז ער געגאנגען און עס איבערדערציילט פאר הרה"ק **רבי יאנקעלע פשעווארסקער** זי"ע, און ער האט אים געבעטן ער זאל איבערדערציילן און אים

איבערדערציילן די מעשה מיט די פונקטליכע לשונות.

דערנאך האט הרה"ק רבי יאנקעלע געבעטן ר' ישראל, א בקשה. אז ווען ער גייט דריקן איינע פון די ספרי חתם סופר, זאל ער אין די לעצטע עמוד ארייןלייגן די פאלגענדיגע ווערטער:

**"לבקשת ידידי יענקל לייזער מאנטוווערפן, אני רוצה להדפיס זו".**

און ער האט דערביי צוגעלייגט, **"ביסט עס מחויב צו מדפיס זיין!"**

זעט מען פון דא אז דער חתם סופר האט געהאט כסדר גילוי אליהו, ובפרט ערב יום כיפור. ממילא זייער מעגליך אז דער **"קבלנו"** גייט ארויף אויף **אליהו הנביא**.

עס איז באקאנט אז זיין זון, דער הייליגער **רבי שמעון סופר** זי"ע, דער קראקאווער רב, האט דערציילט אז זיין טאטע דער חתם סופר האט אים געזאגט: **"אליהו הנביא איז אַן אָפטער גאסט ביי מיר!"**

עס איז אויך זייער מעגליך אז דער הייליגער חתם סופר האט דאס מקבל געווען פון זיינע הייליגע רבי'ס, דער נשר הגדול רבי נתן אדלער אדער דער לוי הגדול בעל הפלאה ועוד. עכ"פ, בכל אופן שיהי', **האבן מיר דא א 'קבלה' און א 'פסק' פון הייליגן חתם סופר אז די ז' רועים דאווענען מיט אונז!**

## די סיבה פארוואס מ'זאגט נישט קיין הלל ראש השנה

נאך א דבר נורא שטייט דא אין חתם סופר. מיר ווייסן אז מ'זאגט נישט קיין 'הלל' ראש השנה. די גמרא איז סוף ראש השנה, און די גמרא אין ערכין (דף י') זאגט אז די מלאכי השרת האבן געפרעגט דעם אייבערשטן: **"מפני מה אין ישראל אומרים שירה בראש השנה וביום הכפורים?"**

דער חתם סופר איז מסביר כמה פעמים אין זיינע דרשות, אז א טאג וואס דער אייבערשטער ווערט געקרוינט אלס מלך, "יום גנוסיא של מלך", אדער ווייל עס פאנגט זיך אָן א ניי יאר און ב"ה מיר האבן דערלעבט א יאר, און הקב"ה איז אונז מזכה מיט די מצוה פון 'תשובה', אזא טאג איז א גרויסע שמחה און מ'וואלט לכאורה געדארפט זאגן הלל.

דעריבער פרעגן די מלאכים, פארוואס זאגן מיר נישט קיין שירה?

און דער אייבערשטער ענטפערט זיי: **"ספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניַ ויאמרו שירה?"**

זאגט דער חתם סופר א חידוש נורא. וויבאלד ראש השנה און יום כיפור דארפן מיר צוקומען צו די תפילות פון די אבות הקדושים, און זיי קומען טאקע אראפ פון גן-עדן צו דאווענען מיט אונז, גייט אָן דער כלל וואס דוד המלך זאגט אין תהלים (קטו, יז) "לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ". וויבאלד די אבות הקדושים געפינען זיך שוין אויף יענע וועלט, קענען זיי נישט זאגן קיין שירה אויף דער וועלט.

זאגט דער רבוש"ע פאר די מלאכים: אין די הייליגע טעג ווען איך שיק אראפ די אבות הקדושים צו העלפן די אידישע קינדער דאווענען, קענען די אידישע קינדער נישט זאגן הלל בשעת די אבות שטייען דארט און קענען נישט מיטזאגן. דעריבער זאגן מיר נישט קיין הלל ראש השנה און יום הקדוש.

עס ליגט דא א געוואלדיגע התחזקות, ווייל **דער חתם סופר איז אונז מגלה אז דאס וואס די אבות הקדושים קומען אראפ איז א 'הלכה למעשה' און נישט בלויז א בחינה פון א 'דרוש', און וועגן דעם טאקע זאגט מען נישט קיין הלל!**

## די אבות הקדושים זוכן אונז אויף אין אונזער בית המדרש

נאך א מורא'דיגע נקודה שטייט דא אין חתם סופר.

לאמיר זיך מתבונן זיין, אויב מיר וואלטן געגאנגען דאווענען אין דעם בית המדרש פון אברהם, יצחק און יעקב, וואלטן מיר אהיימגעקומען מיט אזא זיכערקייט אז אונזערע תפילות זענען נתקבל געווארן.

אבער דאך וואלטן מיר אפשר געהאט א ספק: **"ווער זאגט אז איך האב די זכיה אז מיין תפילה זאל ארויפגיין אינאיינעם מיט די תפילה פונעם צדיק?"** מיר וואלטן זיך נאָר מחזק געווען מיט דעם וואס מיר האבן געדאווענט לעבן א צדיק, ווייל "צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים", ובפרט ווי דער חתם סופר שרייבט אין זיינע הגהות אין שו"ע אויף הלכות תפילה (סי' ק"ב, סק"א), אז 'חנה' האט געדאווענט אין די ד' אמות פון 'עלי הכהן', און דאס איז געווען מסוגל אז אירע תפילות זאלן אנגענומען ווערן.

דא קומט אבער דער חתם סופר און איז אונז מגלה, אז **'היינטיגע צייטן' דארפן מיר בכלל נישט האבן קיין ספק צו אונזערע תפילות ווערן נתקבל, ווייל די אלע אבות הקדושים קומען אראפ פון גן עדן צו אונז אין בית המדרש! זיי זוכן אונז אויף!**

### די שטארקייט און חשיבות פון א אידיש קינד ביים דאווענען

ממילא גייען מיר אריין אין די הייליגע טעג:

**א.** מיט א געוואלדיגע 'התחזקות', אז בעזה"י גייען מיר אויס'פועל'ן אלעס גוטס, וויבאלד די אבות הקדושים קומען אראפ ספעציעל צו אונז און דאווענען מיט אונז.

**ב.** מיר שפירן אויך א געוואלדיגע 'חשיבות', ווען די אבות הקדושים קומען דאווענען מיט אונז אין אונזער בית המדרש, מיר שפירן אונזער חשיבות אלץ זרע אברהם יצחק ויעקב, אין זיי זוכן אונז אויף צו מתפלל זיין מיט אונז.

**ג.** די הייליגע אמהות דאווענען אויך אינאיינעם מיט אונז.

גע'פועל'ט אלעס גוטס!

## יראתי מתוך שמחתי

# די יסודות פון יו"ט ראש השנה במשנת הרה"ק ה'בית אהרן' מקארלין זי"ע: יראה, תשובה און שמחה אינאיינעם

### "א קדחת אויף ניקאָליי!"

מיר גייען יעצט לערנען די יסודות פון יו"ט ראש השנה במשנתו פון דעם הייליגן **בית אהרן** פון **קארלין** זיע"א.

ביי דעם הייליגן חצר האט מען געזען אז ווען עס איז אנגעקומען יו"ט ראש השנה, איז פון איין זייט געווען א געוואלדיגע השראה פון 'יראה' און א שטארקער 'כח התפילה'. עס איז דא א באקאנטע מעשה מיט א חב"ד'סקער חסיד פונעם צמח צדק, וועלכער איז געווען אונטערוועגס ראש השנה און האט נישט געקענט אנקומען צו זיין רבי'ן, האט ער געדאוונט דארט אין קארלין.

מוצאי יו"ט האט ער זיך אויסגעדריקט: "**א קדחת אויף ניקאָליי!**"

'ניקאליי' איז דעמאלטס געווען דער צאַר אין רוסלאנד און ער האט געפירט די מלוכה ביד רמה, זיין מיליטער איז געווען באקאנט אלס זייער מסודר און געטריי. האט דער חסיד געזאגט אז ניקאליי קען זיך נאך פיל אָפּלערנען פון דער עבודה פון די קארלינער חסידים.

ער האט געזאגט: "**אויסהונגערן צוויי טויזנט סאלדאטן דריי טאג און נאך שיסן מיט אזא פייער!**" - ווייל עס איז צוויי טעג ראש השנה און אין קארלין האט מען געענדיגט דאווענען סוף טאג (און גלייך נאכדעם קומט צום גדליה, אדער מעגליך וועגן די תענית ערב ראש השנה).

דערמיט האט ער געמיינט צו זאגן אז דער קאָך און דער ברען מיט וואס זיי האבן געדאווענט איז געווען עפעס וואס דער צאַר ניקאָליי קען זיך נאך מקנא זיין. דאס האט ער דערציילט פאר עטליכע חסידים, און דער יונגער רבי פון קארלין האט דאס געהערט. (הרה"ק **רבי אשר'ל סטאלינער** זי"ע האט מען גערופן 'דער יונגער רבי', ווייל ער איז שוין געווען א רבי בחייו פון זיין טאטן. און אויך ווייל נאכדעם וואס זיין פאָטער דער בית אהרן איז אוועק, האט ער משמש געווען בכתר אדמורו"ת פאר א יאר מיט א האלב און איז אוועק יונגערהייט, זי"ע).

ער איז אריין צו זיין טאטן, דעם הייליגן בית אהרן, און ווען זיין טאטע האט עס געהערט, האט ער געלאזט רופן דעם חב"ד'סקער חסיד ווייל ער האט עס געוואלט איבערהערן, ער האט געהאלטן אז דאס איז א געוואלדיגער לימוד זכות. און דער חב"ד'סקער חסיד האט איבערגעזאגט זיין ווארט פאַר'ן הייליגן בית אהרן, און ער האט מורא'דיג הנה געהאט.

עכ"פ, אין קארלין האט מען געזען די מורא'דיגע יראה און די געוואלדיגע עבודה פון איין זייט, אבער פון דער אנדערער זייט קען מען נישט באשרייבן די שמחה וואס איז דארט געווען ראש השנה.

עס איז מקובל פון די זקנים פון קארלין, אז **נאך תשליך האבן די קארלינער חסידים געטאנצן פאר לאנגע שעות אויף דעם ניגון "ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם"**, און באגלייט דעם בית אהרן פון תשליך צוריק צום הויף, ווי דארטן האבן זיי ממשיך געווען מיט רקידין קדישין לכבוד שמחת

היום.

(כידוע, וואס דער הייליגער בית אהרן שרייבט אין זיין ספר, אז **דער עיקר פון ראש השנה איז 'רעות' - צו זיין באחדות אינאיינעם, ווי אויך די 'מדת השמחה' און אזוי ממליך זיין דעם אייבערשטן**. די עבודת השמחה מיט די טענץ וואס מען האט דארט געזען זענען געווען אויף א געוואלדיגן אופן. קומט אויס אז עס איז געווען יראה און שמחה משולבים אינאיינעם. און מחמת ענין 'ריעות' וואס ווערט דערמאנט כמה פעמים בספרו הק' האבן סיי געזינגען דייקא די אויבנדערמאנטע פסוק).

## דער מהות פון ראש השנה: צווישן א יום הפחד און א יום שמחה

בעזרת השם וועלן מיר יעצט לערנען עטליכע שטיקלעך בית אהרן, וואו מען וועט זען ווי די עבודת הקודש ביום ראש השנה באשטייט פון יראה און שמחה צוזאמען.

מיר וועלן מקדים זיין: פון איין זייט ווייסן מיר אז ראש השנה איז א טאג פון פחד, ווי מיר זאגן אין ונתנה תוקף "כי הוא נורא ואיום", ווייל מען משפט דעם מענטש אין יענעם טאג. אזוי ווי די **משנה** זאגט אין מסכת ראש השנה (דף ט"ז): "וכל באי עולם עוברים לפניו כבני מרון". די באקאנטע **גמרא** (דף י"ז) אז "שלשה ספרים נפתחים", און די גמרא (דף ח') זאגט אויף דעם פסוק "כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא, מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב", אז דער אייבערשטער משפט דעמאלטס יעדן איינעם.

אויך זאגט די גמרא אין מסכת ביצה אז "מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד ראש השנה". דאס ברענגט א געוואלדיגן פחד, וויבאלד דער מענטש שטייט דעמאלטס ביים משפט.

נאך א סיבה פארוואס עס איז א צייט פון יראה איז ווייל **ראש השנה איז דער ערשטער טאג פון די עשרת ימי תשובה**. חז"ל זאגן אונז אין דער גמרא (דף י"ז) אויפ'ן פסוק "דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב" (ישעיה נה, ו), אז אין די עשרת ימי תשובה האט א מענטש א מורא'דיגן כח התשובה מער ווי א גאנץ יאר.

דער **רמב"ם** שרייבט אז הגם תשובה איז א געוואלדיגע זאך א גאנץ יאר און עס איז א מצות עשה שאין הזמן גרמא ווייל איז שטענדיג נוגע, דאָך ווערט די תשובה אין עשרת ימי תשובה מער אנגענומען און גלייך אנגענומען. כלשונו: "**התשובה והצעקה** (ד.מ. תפילה) **מתקבלת ביותר, ומתקבלת מיד!**".

דער רמב"ם זאגט ווייטער אז דער כח התפילה און תשובה פון א יחיד אין די טעג האט דעם זעלבן כח ווי א תשובה פון א 'ציבור' צו צורייסן א גזר דין.

קומט אויס, עס איז א יום הפחד, ראש השנה איז א טאג פון יראה, "בראש השנה יכתבון וביום צום כיפור יחתמון". עס איז א טאג פון יראה ווייל עס איז דער אנהויב פון די עשרת ימי תשובה, און א געוואלדיגער זמן פון תשובה.

## ראש השנה יום שמחה מלא בטחון

אבער פון דער אנדערער זייט געפינען מיר אז ראש השנה איז א 'יום שמחה'. מיר זעען ביי עזרא הסופר אז ער האט געזאגט פאר די אידישע קינדער ראש השנה, ווען זיי האבן תשובה געטאן אויף זייערע עבירות: "**לְכוּ אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים**", און ער האט זיי געהייסן: "**וְאַל תֵּעָצֵבוּ כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם**" (נחמיה ח, י).

אזוי ווערט אויך געפסק'נט אין **שולחן ערוך** (סימן תקצ"ז), אז מען זאל מרבה זיין אין אכילה ושתיה און עס איז אסור צו פאַסטן, אבער, מיט א געוואלדיגע ערענסקייט "כי קדוש היום לאדוננו", ווי עס שטייט אין די פוסקים, (עי' **במטה אפרים**).

ווי אויך דער **טור** ברענגט (סימן תקפ"ב) בשם די **מדרש** אז ראש השנה טוט מען נישט אָן קיין שווארצע בגדים חלילה, אזוי ווי גוים וואס זענען צעבראכן ביים משפט. אדרבה, **מיר זענען פריילעך מיט א בטחון אז דער אייבערשטער וועט אונז מוחל זיין די עבירות**, מען טוט אָן ווייסע בגדים, מען גייט אין מקוה ערב ראש השנה, רוחצין און מסתפרין. עס איז א יום שמחה.

עס שטייט אין די פוסקים (אין סי' תצק"ז) אז די הלכות פון שמחת יו"ט איז אנדערש פון א יעדער יו"ט ווייל עס איז נישט אין די 'שלש רגלים', עס איז נישטא קיין חיוב עולה רגל זיין, אבער עס איז א יום שמחה מחמת די יו"ט ראש השנה, וואס מיר האבן בטחון אין מחילת עוונות ווי עס שטייט אין טור. ווי אויך איז עס "יום גנוסיא של מלך" (וואו עס איז מבואר בדברי רבינו סעדי' גאון אין די טעמים פון תקיעות שופר, וע"ע חת"ס בדרשותיו), מען איז ממליך הקב"ה בכל שנה ושנה דורך די מצוה פון תקיעת שופר און די תפילות מלכיות, זכרונות און שופרות.

(עס איז דא אריכות אין די **פוסקים** בנוגע די חיוב שמחה אין ראש השנה אזוי ווי אלע שלש רגלים. כידוע די שיטה פון **אבן עזרא**, אין ספר נחמי' שטייט אז עס איז דא א חיוב שמחה, אזוי אויך אין ספר יראים מצוה רכ"ז ועוד, וכן הוא שיטת החת"ס סי' קס"ח, ויש בזה אריכות בפוסקים ונ"מ להלכה לגבי אכילת בשר ושתיית יין מלבד חיוב קידוש, ועוד חזון למועד).

## די שיטה פונעם בית אהרן: תשובה, יראה, שמחה און התחזקות

קומט אויס אז לויט חז"ל און לויטן שולחן ערוך האבן מיר יראה פון איין זייט און שמחה פון דער אנדערער זייט.

בעזרת השם וועלן מיר זען

מורא'דיגע יסודות פונעם בית אהרן ווי אזוי די צוויי זאכן קומען צוזאמען. מיר וועלן ברענגען די לשונות פונעם הייליגן בית אהרן וואו ער פאדערט אז ראש השנה זאל זיין יראה מיט שמחה אינאיינעם.

אין **פרשת נצבים** (דף ק"ל ע"ב, ד"ה ראשיכם) זאגט דער הייליגער בית אהרן - ער האט מאריך געווען שבת קודש פרשת נצבים פאר ראש השנה און ער האט געזאגט פאר זיינע חסידים, **"צריך להיות בבחינת התשובה והיראה בראש השנה בבחינת לב נשבר"**.

עס שטייט דא אינעם בית אהרן, **א.** סיי די בחינה פון 'תשובה', ווייל עס איז די ערשטע טאג פון עשרת ימי תשובה. **ב.** ער דערמאנט די בחינה פון 'יראה', וויבאלד עס איז דער טאג וואס דער אייבערשטער משפט די וועלט.

ער זאגט ווייטער: **"וכמו כן גודל החיוב על התחזקות והשמחה"**. דער בית אהרן האט מעורר געווען די חסידים אויף דעם גרויסן חיוב פון 'חיזוק' און 'שמחה'.

דארטן איז דא נאך א שטיקל (ד"ה ביום ה'), עס איז געווען דאנערשטאג נאכט - ליל שישי - פאר ראש השנה, און דער הייליגער בית אהרן האט געגעבן א שמועס פאר די חסידים. ער זאגט דארטן **"והאריך בזה"** - דער בית אהרן האט מאריך געווען צו שמועסן מיט די חסידים, **"איך צריך לקבל זה היום ביראה ובשמחה"**.

ער זאגט אז מען דארף מקבל זיין דעם הייליגן טאג ראש השנה מיט א 'יראה' און מיט א 'שמחה'. מען זעט דא קלאר אז די יראה מיט די שמחה דארפן ביידע גיין משולב אינאיינעם. עס זענען דא נאך אסאך שטיקלעך, מיר האבן עס נאָר אראפגעברענגט ווי א סארט 'פתח' אנצוהויבן זען אז דער הייליגער בית אהרן האט געפאדערט פון אונז די צוויי עבודות אינאיינעם.

## עבודת היראה: דער כח פון 'דין לְמטה' מבטל צו זיין 'דין לְמעלה'

יעצט לאמיר אריינגיין און זען די 'עבודת היראה' וואס דער הייליגער בית אהרן האט געפאָדערט פון אונז דעם הייליגן טאג ראש השנה.

דער הייליגער בית אהרן (שם ד"ה איתא במדרש) ברענגט אראפ א פסוק: "וַיִּגְבַּהּ ה' צְבָקוֹת בַּמִּשְׁפָּט וְהָאֵל הַקָּדוֹשׁ נִקְדַּשׁ בִּצְדָקָה". דער מדרש פרעגט א קשיא, וואס מיינט דאס "ויגבה ה' צבקות במשפט"? **וואס מיינט דאס אז "מען הייבט כביכול אויף דעם אייבערשטן ביים משפט"?**

נאך א זאך, עס איז משמע פונעם מדרש אז כאילו עס איז דא דא עפעס א בחינה פון נושא פנים זיין מיט 'שוחד', אז מען קען זיך אויפהייבן העכער פונעם משפט. די זעלבע זאך געפינען מיר אין חז"ל אין מסכת ברכות (כ, ב) וואו זיי פרעגן: עס שטייט ביי ברכת כהנים "יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ". פרעגט די גמרא, **ווי קען זיין אז דער אייבערשטער איז נושא פנים? עס שטייט דאך "וְלֹא תִקַּח שֹׁחַד"!**

די גמרא ענטפערט: **"הם מדקדקין עד כזית ועד כביצה"**. וויבאלד אידישע קינדער גייען אויך 'לפנים משורת הדין', זאגט דער אייבערשטער כביכול, "איך וועל אויך נושא פנים זיין און גיין לפנים משורת הדין".

דער הייליגער **מהר"ל** זאגט אז דער אייבערשטער ארבעט 'מידה כנגד מידה'. אז אידישע קינדער זענען מוותר אויף דעם דין און אויף די הלכה, און זיי גייען מער ווי די הלכה - לפנים משורת הדין - זאגט דער אייבערשטער: איך וועל אויך גיין לפנים משורת הדין און מוותר זיין פאר אידישע קינדער און זיי געבן אלע גוטע השפעות.

## השי"ת מתגבר ועושה עמם צדקה

על דרך זה וועלן מיר זען די ווערטער פונעם הייליגן בית אהרן.

ער ברענגט ווייטער דעם מדרש: **"כשישראל עושין את המשפט"**, ווען אידישע קינדער מאכן דעם משפט, **"השי"ת מתגבר ועושה עמם צדקה"**.

דאס הייסט אויב אידישע קינדער טוען תשובה פון זיך אליינס און זיי זענען מעורר אויף זיך מידת היראה - דין - און זענען מפשפש במעשיהם, דאס הייסט 'לפנים משורת הדין' ווייל זיי טוען די משפט אויף זיך אליינס, דעמאלטס איז הקב"ה אויך מגביה די משפט לפנים משורת הדין און שרייבט אונז אָן בספרן של צדיקים א כתיבה וחתימה טובה.

## להמשיך עליו היראה באלו הימים

דער הייליגער בית אהרן גייט מסביר זיין די ענין ווי אזוי מעורר צו זיין יראה.

**"שהימים אלו מתחילין בדין וסופן ברחמים"**. עס פאנגט זיך אָן מיט א דין און א משפט, אבער עס ענדיגט זיך מיט רחמים. ער זאגט ווייטער: **"והעיקר צריך כל אחד ואחד להמשיך עליו היראה באלו הימים"**. א מענטש זאל אויף זיך ממשיך זיין יראה. דאס טייטשט, מען בעט פון דיר אז דו זאלסט ממשיך זיין יראה אויף זיך, דו זאלסט גיין לפנים משורת הדין און ברענגען אויף זיך יראה, **"באיזה אופן שיהיה"**. עס איז נישט קיין

חילוק ווי אזוי דו זאלסט ממשיך זיין די יראה.

### ווי אזוי איז מען מעורר יראה?

אין הייליגן בית אהרן, אין א צווייטע שטיקל אויף ראש השנה (דף קל"ג ע"א), זאגט ער: **"כי זה החודש מתחיל מן היראה, ומקודם הוא היראה תתאה"**. ער ברענגט אראפ די גמרא פון רבי יוחנן בן זכאי אין מסכת ברכות, דער פערטער פרק, וואס רבי יוחנן האט געזאגט פאר זיין פטירה ווי א צוואה פאר זיינע תלמידים: "הלוואי שיהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם". זאגט דער הייליגער בית אהרן: **"היינו יראת עונש"**, דאס מיינט יראת העונש.

ער זאגט ווייטער: **"וזהו הפירוש וכולם מקבלים עליהם עול מלכות שמים – היינו יראת המלכות, יראת עונש"**. דאס טייטשט, יעדער איינער פארשטייט און קען מקבל זיין יראת העונש. **"ואחר כך"**, זאגט ער, **"זה מזה"** – מען קען ארויפגיין צו א צווייטע בחינה, **"זהו יראת הרוממות"**, דאס איז יראת הרוממות, **"מפחד ה' ומהדר גאונו"**. דערנאך זאגט ער: **"ואחר כך בא לאהבת ה' ונותן באהבת ה' זה לזה"**, וואס דאס איז שוין א הויכע מדרגה.

קומט אויס, אז די וועג צו מעורר זיין יראה איז דורך זיך מתבונן זיין אין יראת העונש, כל אחד לפי מה שהוא וואס עס איז אים מעורר צו די סארט יראה.

### צוויי מדרגות אין יראה: יראת העונש און יראת הרוממות

לאמיר ממשיך זיין מיט זיינע הייליגע ווערטער.

**"על כל פנים, עיקר ההתחלה באלו הימים היא היראה, ומשבר לבו בקרבו מגודל היראה והפחד"**. דער עיקר איז אז א מענטש זאל מקבל זיין יראת העונש און פחד פון די טעג. יראת העונש מיינט אז ער זאל מורא האבן פון די עונשים אויף עבירות, ער זאל האבן דעם פחד ווייל ער וויל האבן א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

דא דארף מען ארויסברענגען אז עס זענען דא וואס מיינען אז ביי חסידים האט מען נישט געארבעט אויף יראת העונש, און עס זענען דא וואס זאגן אז בפרט ראש השנה האט מען נישט געטראכט דערפון, אבער מיר זעען דא פונעם הייליגן בית אהרן אז ער האט דאס יא געפאדערט.

[אגב, דער הייליגער **חתם סופר** אין די דרשות (דף שס"ז דרוש ט"ז ז"ך אלול, ובעוד כמה מקומות) גייט אויף א מורא'דיגן מהלך אז מען זאל אפילו נישט האבן קיין פחד און מען זאל נישט טראכטן פון קיין חטא. דאס טייטשט, אפילו ווען דו טוסט תשובה מיט יראת העונש, זאלסטו עס נישט דערמאנען ווי אויך נישט טראכטן. אין אנדערע שטיקלעך חתם סופר איז משמע אז בשעת די 'תקיעות דמיושב' זאל מען יא טראכטן פון תשובה כמבואר באריז"ל ושל"ה הקדוש, ומובא ג"כ במג"א סי' תקפ"ד, וכן בשו"ע הרב שם, ובעזה"י עוד חזון למועד.]

אויך ווען מען קוקט אריין אינעם הייליגן **קאזשניצער מגיד** בשם זיין רבי'ן דער הייליגער **מעזריטשער מגיד**, זאגט ער אויך אז מען זאל נישט טראכטן פון קיין עונשים ווייל דאס איז מעורר דינים.

לכאורה, מען זעט דאך אז דער בית אהרן זאגט אז מען זאל יא טראכטען פון יראת העונש. וואס איז דער פשט?

איין מהלך קען זיין אז דער בית אהרן רעדט דא פון **'פאַר' ראש השנה**, וואס דער הייליגער חתם סופר זאגט טאקע אז דער עיקר תשובה און פחד איז דוקא **ערב ראש השנה**. מען זעט טאקע אז דאס שטיקל פונעם בית אהרן איז אין **פרשת נצבים**, וואס איז פאַר ראש השנה.

אבער למעשה זעט מען אין בית אהרן כמה פעמים די ענין פון תשובה אין ראש השנה איז דוקא יא מיט יראת עונש. מען קען זאגן אז אפילו אין ראש השנה ווען מען טוט תשובה, איז די יראת העונש וואס דער בית אהרן זאגט נאָר כדי אים מעורר צו זיין און אויפצווועקן ער זאל טון תשובה, אבער נישט אז ער זאל טראכטן **א גאנצע צייט** פונעם עונש, כמבואר בדרשות חת"ס.

און דאס איז וואס דער הייליגער קאזשניצער מגיד זאגט, רעדט ער פון פחד באופן חסרון בטחון, הן בתשובה והן בכתיבה וחתימה טובה. אבער אוודאי דארף מען האבן יראת העונש, תשובה טון און זיך מקבל זיין מכאן ולהבא).

### "וכשיש דין למטה אין דין למעלה"

לאמיר דא צוריקגיין צום הייליגן בית אהרן, וואס זאגט אז א מענטש זאל זיך מעורר זיין יראה אין די טעג "באיזה אופן שיהיה". מיר האבן מסביר געווען אז ער זאל זיך מעורר זיין אדער מיט יראת העונש (אדער מיט יראת הרוממות). ער זאגט ווייטער: **"וכשיש דין למטה, אין דין למעלה"**. דאס איז א חז"ל, א מדרש, אז אויב א איד משפט זיך למטה, איז נישטא קיין דין למעלה.

ווי מיר האבן מסביר געווען: ווען א מענטש גייט און טוט לפנים משורת הדין, ער איז זיך אליין דן און מאכט א חשבון הנפש, דאס טייטשט נישט אז ער געדענקט זיינע עבירות, נאָר ער מאכט א חשבון הנפש און ער דערוועקט

יראה ביי זיך, דעמאלטס מאכט ער אויף זיך א 'דין למטה'. און "כשיש דין למטה", ווען ער האט זיך אליין דן געווען למטה, איז "אין דין למעלה".

דער הייליגער בית אהרן זאגט (דף ק"ל ע"א), "**וזהו פירוש המדרש כשישראל עושין המשפט כו'**", דאס טייטש, ווען אידישע קינדער זענען זיך אליין דַן. דער אייבערשטער זאגט דעמאלטס, איך גיי אויך פארקוקן אויפ'ן משפט, וויבאלד איר גייט ארויס פון אייער וועג, זאגט דער רבוש"ע כביכול, גיי איך אויך ארויסגיין לפנים משורת הדין און איך וועל גיין העכער פונעם משפט.

ער זאגט ווייטער: "**ועושה עמם צדקה**". דער אייבערשטער טוט צדקה מיט אידישע קינדער און ער וואונטש אָן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר.

זאגט דער הייליגער בית אהרן, איך גיי דיר יעצט זאגן צוויי מיני 'יראות' - וואס מיר האבן געלערנט אין דעם שטיקל דף קל"ג, דא זאגט ער עס בקיצור נמרץ: "**ואופן היראה**", וואס איז דער אופן היראה? ער זאגט אזוי: "**אם הוא מאותן המכירים קצת וקרובים להשי"ת**", אויב דו ביסט פון די עובדי ה' וואס זענען נאנט צום אייבערשטן, "**בוודאי יש להם יראה ופחד באותן הימים, יראה עלאה**" - דאס מיינט יראת הרוממות. דאס טייטש, ער האט יראה פון גדלות הבורא, ער האט א יראת בושה, ער האט א העכערע מין יראה.

"**ואם לאו**" - אויב ער האט נישט קיין יראת הרוממות, איז "**מאימת הדין נפשי תבחיל**", דאס איז דער לשון פונעם פייטן. ער האט מורא ווייל ער וויל האבן א כתיבה וחתימה טובה, ער וויל האבן א גוט געבענטשט יאר. ער וויל מען זאל אים חלילה נישט מעניש זיין אויף זיינע עבירות.

דער הייליגער בית אהרן ענדיגט צו: "**צריך מאד לירא ולפחד, וזהו העיקר**". דער עיקר איז צו האבן א מורא'דיגע יראה ופחד. און אויב א מענטש האט פחד, "**ואז הקב"ה עושה עמם צדקה**". אויב דו האסט דעם פחד, וועסטו האבן א געוואלדיגע צדקה אז דער אייבערשטער וועט דיר אנוואונטשן א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

## ווי אזוי קען מען זיין בשמחה בשעת'ן פחד? דער משל פונעם בנין

נאכן לערנען אזא שטיקל וועט א מענטש פרעגן: **ווי אזוי קען איך זיין בשמחה?**

נאָר באמת דער הייליגער בית אהרן האט דאס אליינס פארענטפערט אין די שטיקל, מיר וועלן מרחיב זיין דעם דיבור מיט א 'משל':

א מענטש ווייסט אז מען האט אים פארקויפט א שטיק ריעל-עסטעיט, מען האט אים פארקויפט א בנין. ער דארף יעצט משקיע זיין אינעם בנין עס צו פאררעכטן, און נאכדעם וועט ער עס פארדינגען און מאכן מיליאנען.

אבער דאס האלב יאר דארף ער יעצט משקיע זיין עבודה קשה עס צו פאררעכטן. אין דעם האלב יאר עסט ער נישט געהעריג און שלאפט נישט געהעריג. ער קומט אהיים שפעט ביינאכט און זעט קוים די ווייב און קינדער. עס קומט אויס אז דאס האלב יאר געפינט ער זיך אין א מורא'דיגן פארנעם, ער איז זיך מסגף, ער איז אין א מורא'דיגן פחד און יראה ווייל ער וויל אז דער בנין זאל געלונגען.

יעצט שטעלט זיך די שאלה: דאס האלב יאר וואס ער עסט נישט און טרינקט נישט געהעריג, און ער זעט נישט זיין ווייב און קינדער, איז ער בשמחה אדער נישט?

דער תירוץ איז, **ער איז מלא שמחה ער איז מלא פריילכקייט**.

וועט א מענטש פרעגן פארוואס? איי, לכאורה ער עסט נישט, ער טרינקט נישט, ער רעדט נישט געהעריג מיט מענטשן און איז נישט מיט זיין משפחה, ווי אזוי קען ער זיין בשמחה?

דער תירוץ איז, **ווייל ער ווייסט אז נאך א האלב יאר גייט קומען אזא גרויסע תוצאה, עס גייען קומען מיליאנען און דעמאלטס וועט זיין א גרויסע הרחבה. ממילא, אפילו יעצט איז ער אומבאקוועם, איז ער דאָך פריילך ווייל ער ווייסט אז עס גייט ארויסקומען א מורא'דיגע שמחה**.

ווען א מענטש האט יעצט יראה און פחד, איז די שאלה: ווי אזוי קען ער זיין בשמחה?

זאגט דער הייליגער בית אהרן, אז דורך די יראה ופחד טוט דער אייבערעשטער מיט אונז צדקה. דורך דיין יראה ופחד - אויב "יש דין למטה אין דין למעלה" - וועסטו באקומען א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

קומט אויס, אז **בשעת דו האסט די יראה ופחד ביסטו מלא שמחה, "ווייל דו ווייסט אז דו גייסט דא פארדינען מיליאנען!"**

## יראה אלס א מקור פאר תענוג און זיסקייט אין עבודה

אבער באמת איז 'קושיא מעיקרא ליתא'. דער הייליגער **רבינו יונה** (מס' ברכות אנהייב פרק ה') זאגט, אז ביי גשמיות'דיגע ענינים איז יראה, פחד, שמחה און אהבה א סתירה. ווידער אין עבודת ה', זאגט ער, גייט "וגילו ברעדה", עס גייט צוזאמען. ממילא, ווען א מענטש

האט יראה און פחד ראש השנה, איז עס בכלל נישט קיין סתירה צו שמחה.

די סבה דערפאר איז ווי דער הייליגער בית אהרן איז מאריך אין די גאנצע ספר, אז עבודת השם איז זיס, יראה פון הקב"ה איז נישט א יראה פון א לייב וואס איז מזיק, "יִרְאַת ה' תּוֹסִיף יָמִים" - זאגט דער פסוק אין משלי.

דער הייליגער **רבי אהרן הגדול** זי"ע אין דעם הייליגן זמר "קה אכסוף", לערנט אונז אויס אז **"משוך נועם יראתיך" - יראת שמים איז זיס!**

די סיבה פארוואס יראה איז זיס איז א לאנגע אריכות פון א שמועס, בדרך תמצית וועלן מיר אויסשמועסן אין קורצן:

דער בית אהרן אין פ' נצבים (דף ק"ל ע"ב, ד"ה ביום ה'). אויפ'ן פסוק "הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפַּז רָב וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים" (תהלים יט, יא), זאגט אזוי. 'נחמדים' מיינט זיס, לעכטיג, תענוג, מידת **אהבה**. 'מזהב' מיינט גאלד. מיר ווייסן אז דער **זוהר הקדוש** זאגט אז "זהב" איז א בחינה פון **יראה**.

לכאורה דארף מען פארשטיין, **ווי קומט זיסקייט מיט יראה צוזאמען?**

זאגט דער הייליגער בית אהרן, **"מאין בא לו החמדה"**, פון וואו קומט צו א מענטש א תענוג און א זיסקייט אין עבודת ה'? פון וואו קומט א שמחה אין עבודת ה'?

ער זאגט ווייטער: **"מזהב, מבחינת זהב, והוא בחינת היראה, כמבואר בזוהר הקדוש"**. די זיסקייט און די שמחה אין עבודת ה' קומט **דייקא דורך יראה**. ער זאגט: **"והעיקר על ידי היראה, ואחר כך באה לו התשוקה"**. ווען דו וועסט האבן יראה, וועט שפעטער זיין אזא זיסקייט.

קומט אויס, **ביי עבודת השם, דורך יראה קומט זיסקייט.**

## יראה איז די גרעסטע תענוג און טובה פארן מענטש

זאגט דער בית אהרן ווייטער, **"והעיקר הוא על ידי היראה, ואחר כך באה לו התשוקה"**. ד.ה. יראת שמים ברענגט א תשוקה און א זיסקייט נישט צו ווערן ח"ו אנגעצויגן אדער מרה שחורה'דיג ח"ו.

לאמיר אביסל מרחיב זיין די ענין. שטעלט אייך פאר א מענטש שפאצירט זיך אזוי רואיג צווישן די בערג און טאָלן, ער קוקט זיך ארום אויף די הערליכע בריאה און דאנקט דעם באשעפער אויף די שיינע וועלט וואס ער האט באשאפן. ער כאפט אבער בכלל נישט אז ער געפינט זיך ממש ביים עק פון א הויכן שפיציגן בארג, און אויב גייט ער נאך אביסל קען ער חלילה אריינפאלן אין א טיפע תהום רח"ל, וואס די קאנסעקווענצן דערפון קענען זיין שרעקליך.

פונקט אפאר פוס פאר ער דערנענטערט זיך צום תהום, כאפט אים זיין חבר אן מיט כח און הייבט אָן שרייען: **"וואו גייסטו?! וואס טוסטו?!"** דער מענטש ווערט אינגאנצן דערציטערט און אויפגעשוידערט פון שרעק, און ער פרעגט זיין חבר מיט כעס: **"וואס ווילסטו פון מיר? פארוואס דערשרעקסטו מיר אזוי שטארק?"** ענטפערט אים דער חבר מיט רואיגקייט: **"קום אהער, איך וועל דיר וויזן - איך האב יעצט געראטעוועט דיין לעבן!"**

די זעלבע זאך איז מיט 'יראת העונש'. דער אייבערשטער האט באשאפן דעם פחד פון עונש כדי אונז אויפצואוועקן פון אונזער טיפן שלאף, אונז אויפצושאקלען און ווארענען: **"היט דיך, טו נישט קיין עבירה!"** ווייל אויב א מענטש זינדיגט חלילה, צעברעכט ער דערמיט די גאנצע רוחניות'דיגע אברים פון זיין נשמה, ווי אויך בגשמיות, און די תוצאות איז אין לשער, ווי עס שטייט אין די הייליגע תורה.

אויף דער וועלט האבן מיר א בחירה און מיר זעען נישט די מציאות אזוי אפן, דערפאר האט הקב"ה באשאפן די ענין פון יראה אונז צו העלפן מיר זאלן נישט אריינפאלן אין דער טיפע תהום פון עבירות וכו'. דאס מיינט אז די **יראה איז זיס**. און מיר רעדן דא אפילו נאָר פון א פשוט'ע יראת העונש - איז די גרעסטע טובה וואס א מענטש קען האבן.

## יראת העונש ראטעוועט אונז פון די גרעסטע שווינדלערייען

די **ספרים הקדושים** ברענגען נאך א משל אויף דעם: ס'איז געווען א מענטש וואס האט געוואלט פארדינען א ריזיגע מציאה און קויפן א גרויסן בנין מיט אסאך דירות פאר א שפאט-ביליגן פרייז, און ער האט שוין אפילו געהאט אַן אונטערגעשריבענעם קאנטראקט מיט'ן פארקויפער.

פלוצלינג קומט אָן זיין חבר און ווארנט אים מיט שרעק: **"וואס טוסטו? יענער איז א באקאנטער שווינדלער און א גנב!"** דער קונה פארשטייט נישט וואס זיין חבר וויל: **"פארוואס שרעקסטו מיר אזוי אפ? וואס רעדסטו? איך האנדל שוין מיט אים א לאנגע צייט, ער איז אזא זיסער און לעכטיגער איד, ער געבט מיר דא א בנין כמעט בחנם!"**

דער חבר לאזט נישט נאך און הייבט אים אָן אנצופילן מיט פחדים: "דו מוזט מיר גלייבן, דאס

איז זיין גאנצע טאקטיק! ער מאכט זיך זיס נאר כדי דיך אריינצונארן אין א שווינדל, און דו וועסט פארלירן דיין גאנצע געלט!"

ווען דער חבר זעט אז ער קען אים נישט איבערציינגן, גייט ער צו זיין גאנצע משפחה און חברים און מאכט א גאנצע איבערקערעניש, ביז יעדער איז געקומען און איז אנגעפילט מיט שרעק און מורא.

למעשה, צוליב דעם גרויסן פרעשור און לחץ, האט ער אפגעלאזט דעם מקח. ס'האט נישט געדויערט לאנג, און ס'איז נתגלה געווארן פאר די גאנצע שטאט אז דער מוכר איז טאקע געווען א גרויסער שווינדלער. דער איד איז גלייך צוריקגעגאנגען צו זיין חבר און משפחה און זיך שטארק באדאנקט פאר'ן אנווארפן דעם פחד און לייגן דעם גאנצן לחץ אויף אים, ווייל דאס האט אים געראטעוועט פון א זיכערן שווינדל. זעען מיר פון דעם אז **יראה איז די בעסטע זאך וואס קען זיין**.

**יראת העונש ראטעוועט אונז פון די שווינדלערייען פונעם יצר הרע, וואס וויל אונז איינרעדן אז עבירות זענען געשמאק, אז רעדן אינמיטן לערנען איז גוט, אדער אז לשון הרע און רכילות איז א תענוג. יראת העונש קומט און שרייעט: "יצר הרע! די ביסט א שווינדלער, גנב, רוצח, ארויס פון דא!"**

יראה איז די זיסטע זאך אין דער וועלט.

דאס איז די ביאור פון רבינו יונה אז ביי עבודת השם, יראה, אהבה מיט שמחה גייען אינאיינעם! ווייל יראה פון עבירות העלפט אונז צו ווערן געראטעוועט פון אלע שווינדלערייען פונעם יצה"ר. דאס איז די מתיקות און תענוג וואס דער בית אהרן זאגט, וואס דאס קומט פון 'יראה'.

## יראה ברענגט די שענסטע תוצאות

מיר גייען אבער זען נאך א דרגא אין מתיקות פון יראה.

ס'איז געווען א מלך וואס האט געזוכט א שַׂר וואס זאל זיין זיין רעכטע האנט. יעדער פארשטייט אז אזא פאזיציע קומט מיט אומגעהויערע געלט, אַן אייגענעם פאלאץ, און א נאנטקייט צום קעניג וואס מ'קען זיך נישט פארשטעלן.

דער מלך האט אבער געוואלט אויספרובירן ווער ס'איז טאקע ראוי פאר דעם כבוד, און ער האט געהייסן אז אלע קאנדידאטן זאלן אריינקומען צו אים יעדן טאג. ער האט געוואלט זען לויט זייער התנהגות ווער עס איז באמת געטריי. יעדן טאג זענען אריינגעקומען פארשידענע שָׂרִים, זיי האבן גערעדט שיין און געלויבט די מלוכה, אבער עס איז געווען איינער פון די אלע וואס פלעגט אריינקומען מיט אזא געוואלדיגע דרך ארץ, מיט אזא ביטול און יראה, און פארשטייט זיך אז דער קעניג האט אים גלייך אויסגעקליבן אלס זיין שַׂר.

דער זעלבער ענין איז ביי אונז: ווען מיר האבן יראה, ווייזן מיר ארויס פאר'ן רבוש"ע אז מיר אנערקענען אין זיין מלכות און מיר שפירן דעם מלך מלכי המלכים.

דערנאך זאגט דער רבוש"ע, אז **דו האסט יראה, קלויב איך דיך אויס צו זיין מיין שַׂר און איך וועל דיר געבן אלעס גוטס!**

יראה ברענגט די שענסטע תוצאות.

ווי אויך ווערט ער נענטער צום אייבערשטן - ער ווערט א עובד ה' וואס מען גיבט אים אוצרות פון תענוגים ביי עבודת ה', א שבת און א יו"ט איז ביי אים מעין עוה"ב ממש! פארוואס? ווייל ער איז געווארן א שַׂר וואס דרייט זיך בחדרי המלכות.

## די נאנטקייט וואס קומט דורך יראה און ענוה

יעצט וועלן מיר גיין צו נאך א שטאפל אין יראה וואס ווערט ארום גערעדט אין ספה"ק **מאור עינים** ווי אויך אין ספה"ק **באר מים חיים** כמה פעמים, וואס דער העכערע שטאפל ברענגט א געוואלדיגע 'תענוג עילאה'.

בהקדם, א משל אויף דעם ענין: א קעניג האט געזוכט א פריוואטן עצה-געבער, עמיצער מיט וועמען ער קען זיך דורכשמועסן און אים אנטפלעקן זיין הארץ. דאס איז פארשטענדליך געווען די גרעסטע שטרעבונג פון יעדן איינעם אין דעם קעניגס הויף. ווייל די תענוג פון זען און נהנה זיין פונעם 'אור פני המלך' מידי יום ביומו, און צו זיין די פריוואטע עצה-געבער איז נישט שייך מסביר צו זיין.

דער קעניג האט דורכגעפירט דעם זעלבן סדר און געלאזט די שָׂרִים אריינקומען רעדן צו אים, כדי צו זען ווער עס איז פאסיג צו זיין זיין 'ידיד נפש'. למעשה האט ער אויסגעקליבן דעם שַׂר וואס האט געהאט די גרעסטע יראה און ענוה. מיר רעדן דא נישט פון א **פחד פון עונש**, נאר א **פחד פון די רוממות און די טיפע חכמה פונעם קעניג**. דער שכר דערפון איז געווען אז ער איז געווארן דער פריוואטער יועץ, און ער קען רעדן מיט'ן קעניג פנים אל פנים, ואין לך תענוג גדול מזה. דער תענוג און כבוד איז העכער פון יעדן באגריף.

(כאטש דער משל איז נישט הונדערט פראצענט דומה), אבער **ווען א איד ווייזט ארויס יראה און ענוה פאר'ן באשעפער און ער איז מכיר אין זיין מלכות, זאגט דער רבוש"ע: 'בנים אתם לה' אלקיכם', דו ווערסט**

**כביכול מיין פריוואטער יועץ".**

דער אייבערשטער זאגט, אידישע קינדער לייגן תפילין און זאגן 'שמע ישראל' צו מעיד זיין אויף מיין מלכות, און וויבאלד דו האסט יראה און ענוה און דו ביסט מכיר אין מיין מלוכה, גיי איך כביכול אויך לייגן תפילין און דארט שרייבן "מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ".

דער אייבערשטער זאגט: "דו ווערסט מיין שותף אין די בריאה!", ווי אונז טרעף מער אז א יעדער שב"ק ביי 'ויכולו' ווען מען זאגט קידוש, ווערן מיר א 'שותף למעשה בראשית'. עס איז ידוע וואס דער **מדרש** זאגט אז דער באשעפער האט ליב אידישע קינדער מיט די עכסטע מדרגות פון ליבשאפט, ביז ער האט אונז אנגערופן "בתי, אחותי, רעיתי, יונתי, תמתי", דאס אלעס קומט דורך דעם כח פון יראה.

עס קומט דאך אויס פון דעם, אז **די יראה וואס מיר האבן צום באשעפער ברענגט אונז ער ווערט נענטער צום אייייבערשטען - מען גיבט אים אוצרות פון תענוגים ביי עבודת ה' א דאווענען א מצווה א שבת!! א יו"ט איז ביי אים מעין עוה"ב !!!! ווייל ער איז געווארען א שר וואס דרייט זיך בחדרי המלכות ולא עוד אלא "פנים בפנים"**

**דעם גרעסטן תענוג און די נאנטסטע שייכות און קרבת השם.** ווי אונז האבען גשמועסט עס פארשטייט זיך אליין אז ס'זענען דא נאך פילע משלים אויף דעם, אבער מיר האבן יעצט גענוצט משלים וואס זענען דברים השוה לכל נפש, זאכן וואס יעדער איינער קען גרינג פארשטיין.

## יראת השם העכער פונעם שכל

מען דארף אבער וויסן, אז יראת השם איז זיס אפילו אָן קיין משלים, און אפילו ווען מען פארשטייט עס נישט מיט'ן שכל. **נאָר פשוט ווייל דער רבוש"ע האט אונז געזאגט די מצות פון יראה,** און ווען **א איד איז מקיים א מצוה, איז עס זיס!** און אוודאי די מצוה פון יראה וואס דאס איז א 'מצוה כללית בכל הקומה' ווערט דער מענטש מלא **שמחה ותענוג**, ווי עס שטייט אין משלי "יִרְאַת ה' תּוֹסִיף יָמִים".

און ווי דער הייליגער **רבינו יונה** זאגט אז **'יראה' צוזאמען מיט 'אהבה' זענען איין זאך**. הגם איך פארשטיי עס טאקע נישט, זאגט דער רבינו יונה אזוי גייט עס אין עבודת השם. די יראה פונעם באשעפער איז די זיסטע זאך וואס קען נאר זיין, אפילו אן קיין שום משל און אן קיין שכל'דיגע הסברים. מיר האבן נאר געברענגט די משלים כדי א מענטש זאל קענען אנהייבן די עבודה פון אונטן ארויף, מתתא לעילא, און צו האבן א 'בית יד' צו אנכאפן די ענין פון יראה מיט'ן שכל הגשמי.

דאס איז דער ביאור הענין וואס דער הייליגער בית אהרן שרייבט דא, אז **יראה ברענגט תשוקה**. ווייל דאס איז דער מציאות! יראה איז די זיסטע קשר צום הייליגן באשעפער. ווי דער הייליגער **רבי אהרן הגדול** זי"ע זאגט אין זמר "קה אכסוף", "**משוך נועם יראתיך**" **- יראה איז די זיסטע זאך!**

## דער יראה פון "מתוקים מדבש"

דערנאך זאגט ער נאך א בחינה ווי זיסקייט קומט פון יראה. דאס איז די שכר וואס קומט פון יראה, וואס מיר האבן דערמאנט אנפאנג שיעור "אם יש דין למטה אין דין למעלה", לאמיר זען לשון קדשו:

"**ומתוקים מדבש**" - די המתקה קומט פון בחינת 'דבש'.

**ביאור הענין:** דורך דעם וואס א מענטש האט יראה, פועל'ט ער אַן המתקת הדינים, ער ווישט אָפּ עבירות און צורייסט דעם גזר דין. און אז עס איז דא אַן המתקה, האט ער א זיס לעכטיג יאר, און עס ווערט ביי אים "מתוקים מדבש ונופת צופים". דאס איז די מהלך וואס מיר האבן געלערנט פריער "אם יש דין למטה אין דין למעלה", די יראה וואס מען איז ממשיך אויף זיך ברענגט אונז א זיס לעכטיג יאר - איז אוודאי די יראה געבינדן מיט שמחה.

## סך הכל:

**קומט אויס, מיר האבן דא כמה מהלכים ווי אזוי יראה ברענגט שמחה:**

**א.** עבודת ה' ברענגט יראה, תענוג און שמחה ווי דער בית אהרן לערנט עס פשט אינעם פסוק "הנחמדים מזהב". על פי דער מדרש "אם יש דין למטה אין דין למעלה" באקומט ער א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר, ממילא ווערט ער מלא שמחה.

**ב.** יראת העונש וואס היט אפ א מענטש פון עבירות - וואס זיך צו אפהיטן פון עבירות איז פון די גרעסטע תענוגים אז מען זאל נישט נפגם ווערן ווי אויך נענש ווערן פון עבירות.

**ג.** יראה ברענגט צו אז הקב"ה זאל בוחר זיין אין דיר צו ווערן זיין שַׂר, און צו משפיע זיין פון אלעם גוטן.

**ד.** א העכערע יראה - ווייל דורך די יראה איז דער אייבערשטער כביכול בוחר אין דיר אז דו זאלסט זוכה זיין צו פנים בפנים און נהנה זיין מאור השיכנה כמבואר במאור עינים ובאר מים חיים ועוד. **מען גיבט אים אוצרות פון תענוגים ביי עבודת ה' א דאווענען א מצווה**

**א שבת!! א יו"ט איז ביי אים מעין עוה"ב! ווייל ער איז געווארען א שר וואס דרייט זיך בחדרי המלכות ולא עוד אלא "פנים בפנים"**

די עצם תענוג צו נהנה זיין מזיו השכינה איז די גרעסטע שְׂכַר.

**ה.** נאך א סיבה פארוואס יראה ברענגט תענוג: פשוט ווייל וויבאלד דאס איז דער רצון השם, און מיט יעדער מצוה וואס א איד טוט איז ער מדבק די נשמה לאבינו שבשמים בתענוגים לאין קץ.

## די הדרכה פונעם אלטן סטאלינער: שמחה אלס אַן עבד השם

בעזה"י וועלן מיר דא מוסיף זיין א מורא'דיגע בחינה פון שמחה וואס איז נוגע א גאנץ יאר, ובפרט אין אט די ימים נוראים.

דער **אלטער סטאלינער**, הרה"ק **רבי אשר'ל הראשון** זי"ע, אין די 'מכתבים' (געדרוקט אין ספר בית אהרן דף קמ"ח ע"א אונטן). שרייבט דארט צו א חסיד, **רבי אברהם יעקב**, פונעם בריוו זעט מען אז ער שרייבט צו אַן ענק שבענקים.

די נקודה פון די בריוו לענינינו וואס מיר רעדן, איז אז דורכדעם וואס א איד איז זיך מתבונן אז אפילו בשפל המצב שלו, ווארט דער אייבערשטער צו הערן זיין תורה, תפילה און מצוות, דארף ער פשוט שפרינגען פאר שמחה אז "איך האב די זכיה צו זיין א משרת ביים קעניג! לעבדו וליהנות מזיו שכינתו!" וואס מלאכים ושרפים האבן נישט די זכיה צו זאגן 'קדוש' 'קדוש' טאג טעגליך, צו מקיים זיין די אייבערשטנ'ס מצוות וכו' וכו', אַה, אשרינו מה טוב חלקינו!

(עס איז כדאי קודם דער סוף פונעם בריוו - ער שרייבט אים צום סוף ער זאל זען צו דינען דעם אייבערשטן: **"בשמחה ובטוב לבב מרוב כל"**, און דורך דעם **"יזכה לשמוח בשמחת בית השואבה, ולקבל פני הרואים בחיי חיותו המוכנים לבוא עם המלך שמו חיים"**. מיט אזעלכע לשונות וואונטש ער אים ער זאל זוכה זיין צו זען די זיבן רועים (די אושפיזין) ביי שמחת בית השואבה אין סוכות בחיים חיותו. ער שרייבט דארט "המכונים לבוא עם המלך שמו חיים", וואס זיי זענען אנגעגרייט צו קומען מיט משיח. אז ער וואונטש אים אָן אז סוכות זאל ער זוכה זיין צו זען די אושפיזין מוז זיין אז מען רעדט דא פון אזא גרויסן חסיד).

נחזור צום עצם בריוו (דאס איז א בריוו וואס פאדערט בעצם אן אריכות גדולה ועיון גדול עד למאוד), ער פאנגט אָן מיט'ן פסוק פון עזרא: "אַל תֵּעָצֵבוּ כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", און ער איז דארט מבאר באריכות ווי אזוי מען דארף זיין ראש השנה מיט יראה און שמחה אינאיינעם.

איך וועל נאכזאגן עטליכע לשונות: "**על כן עצה היעוצה להתחזק עצמו ולבו ולשמוח בכל הטוב שעשה, וידע בעצמו שבכל עת שבא לברכה זו תפלה, או לשאר עסק עבודת הבורא או מצוה שנתאמץ אצלו, שיש לו מזה תענוג ונחת ושמחה שזכה להתקרב לעבודתו**". דער אלטער סטאלינער שרייבט אז א מענטש דארף זיין פריילך מיט דעם וואס ער דינט דעם אייבערשטן.

נאכדעם שרייבט ער די יסוד נאך אמאל ביתר ביאור. ער זאגט אזוי: לכאורה, ווי אזוי קען מען זיין בשמחה ראש השנה?

אויף דעם זאגט ער אזוי: "**על זה נתן השם יתברך ברחמיו עצה, אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם**".

## דער שפיץ פון ראש השנה: ממליך זיין דעם אויבערשטן מיט פרייד

כדי אביסל מסביר צו זיין וואס דער אלטער סטאָלינער שרייבט:

ער זאגט אז א איד דארף פשוט טאנצן פאר שמחה אז ער האט זוכה געווען צו זיין אַן עבד השם! נאך מער, דעק מלך מלכי המלכים זוכט מיין עבודה! און דאס מיינט "אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם" - אז דאס וואס א מענטש איז זוכה ממליך צו זיין דעם אייבערשטן, דארף אים ברענגען די גרעסטע שמחה. ועוד, הקב"ה בעט זיך ביי מיר, "אמרו לפני", כביכול הקב"ה זוכט מיינע תפילות. דאס דארף געבן א מענטש א געוואלדיגע הרגשה פון שמחה, שזכה צו זיין א עבד משרת את קונו לקבל מלכותו ברצון.

און יעצט זעהט א לשון: "**ויראה לתקן ולהשלים המלוכה**" - ער זאל זען צו פאררעכטן און משלים זיין די מלוכה פונעם אייבערשטן, "**שקלקל בכל השנה**", דאס מיינט תשובה טון און קבלה להבא. "**ויעלה זכרונו לפניו לטובה בעת תקיעת שופר**". זאגט דער הייליגער סטאָלינער: וואס מיינט שופר? וואס מיינט מלכיות? "**והיינו על ידי השמחה שזכה לקבל מלכותו ברצון, כמו שכתוב 'וביום שמחתכם'**".

**זאגט דער הייליגער סטאָלינער, אז דער שפיץ פון מלכיות, זכרונות און שופרות, פון תקיעת שופר, זיך פרייענדיג אז ער איז אַן "עבד ה'!" דאס איז דער שפיץ פון גאנץ ראש השנה!**

דהיינו.

א) פריער האבן מיר גערעדט איבער די עצם שמחה לשרת המלך מדי יום ביום.

ב) יעצט זאגט ער נאך א טיפערע זאך, אז **דאס אליינס אז הקב"ה בחר בנו מכל העמים צו זיין אַן "עבד ה'," און איך האב געהאט די זכיה צו זיין נבחר צו זיין אַן עבד ה', דאס אליינס דארף ברענגען א מענטש שמחה לאין קץ!**

## פודה זיין ניצוצות און מבטל זיין גזירות דורך שמחה

יעצט גייט מען זעהן נאך א טיפערע בחינה - ער רעדט וועגען פדיית הניצוצות אז דורך די **שמחה פון עבודת ה' דאס איז גורם** אז עס ברענגט צוריק די שפע פאר א מענטש

און ער זאגט ווייטער: **"כבר אמרתי זה הפירוש על פסוק שאומרים קודם תקיעת שופר, 'שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב'"**. (פשוט פשט מיינט דער פסוק אז עס גייט ארויף אויף די תורה הקדושה. דוד המלך זאגט אז ער האט זיך געפרייט מיט די תורה הקדושה "כמוצא שלל רב". דאס טייטשט נישט נאָר ער האט זיך געפרייט מיט די תורה ווי מיט אַן אוצר פון מיליאנען, נאָר ער האט זיך געפרייט מיט די תורה "כמוצא שלל רב" אזוי ווי ער וואלט יעצט געפינען אַן אוצר 'צום ערשטן מאל'. דאס מיינט אז יעדן טאג ווען ער האט געלערנט, האט ער זיך געפרייט כאילו ער טרעפט יעצט דעם אוצר צום ערשטן מאל, וואס די שמחה דארט איז פיל פיל גרעסער).

זאגט דער אלטער סטאָלינער פשט אין דעם פסוק: **"הנה שהמלוכה נקראת אמירה מלשון אמר"**. אין אראַמיש מיינט 'אמירה' מלכות, די מלכות שמים. **"וכשאני שש"** - ווען א אידיש קינד פרייט זיך אויף דעם, אויף וואס? אז ער איז אַן עבד ה', **"ומקבל אני עלי עולו בשמחה"** - איך פריי מיך אז איך דין דעם אייבערשטן, איך פריי מיך אז איך האב די זכיה צו דינען דעם באשעפער. **"על ידי זה מוציא שלל רב מכמה ניצוצות"** - דורך דעם נעמט ער ארויס אלע השפעות וואס די סטרא אחרא מיט'ן יצר הרע האבן גע'גנב'עט.

**ביאור הדברים:** דער יצר הרע מיט די סטרא אחרא דורך דעם וואס זיי רעדן איין א יוד צו טון א עבירה ח"ו, גנב'ענען זיי געזונט, פרנסה, נחת... זיי גנב'ענען די תענוגים אין תורה, די תענוגים פון דאווענען, די תענוגים אין שבת קודש, און מען דארף עס ארויסנעמען פון זיי.

יעצט, ווען איך בין מקבל עול מלכות שמים מיט שמחה, נעם איך ארויס א געוואלד מיט ניצוצות, **"ולהמתיקם ולהאיר באור פני מלך חיים, ורצונו להמתיק ולבטל כל הקטרוגים"**.

זאגט דער הייליגער בית אהרן: נישט נאָר דאס, נאָר **דו ביסט דעמאלטס מבטל 'אלע גזירות'!**

## עבודת הימים נוראים ויו"ט סוכות

יעצט גייט דער אלטער סטאלינער מסביר זיין די חילוק בעבודה פון ימים נוראים אין יו"ט סוכות

זאגט יעצט דער אלטער סטאָלינער א מורא'דיגע זאך: די שמחה וואס דו האסט ביי תקיעת שופר ראש השנה, זאלסטו וויסן אז דאס איז נאָר 'בפנימיות', ווייל 'בחיצוניות' איז דא א מורא'דיגע יראה. **"רק"**, זאגט ער, **"שעדיין בימים אלו אינו בפועל ממש"**.

'בחיצוניות' איז דא א געוואלדיגע יראה. ווי עס שטייט פונעם הייליגן **תולדות** זי"ע אין פרשת קדושים בשם דעם **בעל שם טוב הקדוש** זי"ע, אז כאטש א גאנץ יאר דארף מען דינען דעם אייבערשטן מיט יראה און אהבה, און די אהבה זאל זיין מער באתגליא, זאגט ער, בפרט שבתות און ימים טובים, אבער **אין די ימים נוראים, אוודאי דארף זיין אהבה און אוודאי דארף זיין שמחה, אבער באתגליא דארף זיין יראה, די יראה דארף זיין מער**.

זאגט דער הייליגער בית אהרן, אבער **"וביום חג הסוכות, שנתגלה השמחה ואומרים זמן שמחתינו, אז הוא חג האסיף, היינו שנאסף את תבואתינו מכל השנה כל חסדיו ומתנותיו לחיים"**, דעמאלטס איז מען זוכה צו דער שמחה באתגליא, **"וזהו העיקר של שמחת בית השואבה"**. און ער גייט דארט אריין אין גאָר טיפע זאכן.

## תמצית עבודת היו"ט במשנת הבית אהרן מקארלין זי"ע

עכ"פ, מיר זעען דא א מורא'דיגע הדרכה און א דרך העבודה פונעם הייליגן בית אהרן ווען עס קומט דער הייליגער יו"ט ראש השנה. **עס דארף זיין א יראה מיט א שמחה אינאיינעם**.

**א.** א יראה פונעם משפט, א יראת העונש פון די עבירות, און אז מען זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

**ב.** מען דארף האבן א מורא'דיגע יראה און מען דארף תשובה טון, און בשעת מען טוט תשובה דארף מען האבן יראה. קודם יראת העונש, און נאכדעם יראת הרוממות.

פון דער אנדערער זייט **דארף מען האבן א מורא'דיגע שמחה**. און וואס איז די שמחה? האבן מיר געזאגט: די ערשטע זאך איז, אז עבודת ה' איז יראה מיט שמחה, און עס איז נישט קיין סתירה. ווי דער הייליגער בית אהרן זאגט:

**א.** יראה ברענגט תענוג - "הנחמדים מזהב ומפז רב". די זיסקייט אין עבודה קומט ווען א מענטש האט יראה.

**ב.** דורך דעם וואס א מענטש ווייסט אז ער האט יראה, "וכשיש דין למטה, אין דין למעלה". וועט ער ווערן אנגעשריבן אויף א גוט געבענטשט יאר, מען וועט אים מוחל זיין אלע עבירות און צורייסן דעם גזר דין, און דאס ברענגט אים א געוואלדיגע שמחה.

**ג.** און יעצט האבן מיר געזען דא אין דעם בריוו פונעם אלטן

**סטאָלינער, א העכערע בחינה פון שמחה, אז א מענטש פרייט זיך מיט דעם וואס ער איז אַן עבד ה', ער פרייט זיך אז ער איז ממליך דעם אייבערשטן.**

**ד. דורך די שמחה פון עבודת ה' דאס איז גורם מען איז פודה אלע ניצוצות בשבי' אין עס ברענגט צוריק די שפע פאר א מענטש ווי אוך עס צורייסט אלע גזירות רעות אין מען שרייבט אונז אהן א שנה** טובה ומתוקה

אין טאקע אזוי האט מען געטאנצן אין קאַרלין שעות ארוכות לאחר תשליך:

**"ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם!"**

זיי האבן זיך געפרייט ראש השנה אז מען איז זוכה צו טון דעם **רצון השם**. און דער אלטער סטאָלינער זאגט, אז אויב דו וועסט זיך מיט דעם פרייען, וועסטו פודה זיין כמה וכמה ניצוצות. ("ויעשו כלם אגודה אחת" - כידוע די ענין פון אחדות וריעות וואס דער בית אהרן רעדט ארום זייער שטארק די ימים נוראים ווי אויך בשמחה, איז דא א מורא'דיגע שמועס אין די ליקוטים לשון קדשו אויף אידיש, ובעזהש"י עוד חזון למועד).

**תשובה! יראה! בהחתחזקות! ובשמחה!**

און דורך דעם צורייסן גזירות, און מען וועט זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר, אמן!

## בדרכי רבותינו

# במשנת מרנא הבעש"ט הקדוש זי"ע

### דער צער פון א מענטש ווען דאס הארץ איז צעבראכן

אין די הייליגע טעג ווען מיר געפינען זיך אין בית המדרש און מיר דאווענען שעות ארוכות, וואונטשט זיך יעדער איינער אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון. יעדער זוכט א סגולה ווי אזוי די תפילות זאלן נתקבל ווערן. אזוי אויך ווען עס קומען די הייליגע טעג, וואונטשט זיך יעדע אידיש קינד אין זיין הארץ אז ביי די הייליגע תפילות פון ראש השנה און יום הקדוש זאל ער האבן א צוגאסן הארץ, זיין הארץ זאל זיין אנגעווארעמט און ער זאל קענען דאווענען צום אייבערשטן מיט השתפכות הנפש. **עס איז א מורא'דיגער צער פאר א מענטש ווען דאס הארץ איז פארקלעמט און ער קען נישט דאווענען מיט קיין ווארימקייט.**

עס זענען דא מענטשן וואס ווען עס קומען די הייליגע טעג, איז זייער הארץ פארקלעמט פון יסורים, צער און דאגות. זיי ווארטן אויף גרויסע ישועות, און ממילא קענען זיי נישט עפענען זייער הארץ, דאס הארץ איז פארשטיינערט פון אזויפיל צער און יסורים. זיי וואלטן זיך שטארק געוואונטשט צו האבן א פתיחת הלב, א ווארעם און א צוגאסן הארץ, אזוי ווי מיר זאגן ביי די הושענות "שופכים לב כמים". זיי וואלטן געוואלט זוכה זיין אויסצוגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן, אבער זיי קענען נישט, ווייל דאס הארץ איז צעבראכן און פארקלעמט.

### די מעשה פונעם הייליגן בעל שם טוב מיט די פארלוירענע כוונות פון רבי וואלף קיצעס

בעזרת השם וועלן מיר זען וויאזוי דער הייליגער **בעל שם טוב הקדוש** זי"ע האט אונז מגלה געווען ווי אזוי צוצוגיין צו אזא תפילה.

דער הייליגער **רבי משה'לע קאברינער** זי"ע האט דערציילט פונעם הייליגן בעל שם טוב א סיפור נורא:

עס איז געווען ביים בעל שם הקדוש אין איינע פון די טעג פאר ראש השנה, און ער האט מכבד געווען **רבי וואלף קיצעס** זי"ע ער זאל זיין דער 'בעל תוקע'. כידוע ליגט דער הייליגער רבי וואלף קיצעס לעבן דעם בעל שם הקדוש וואס פון דעם זעט מען זיין געוואלדיגע גרויסקייט.

איין יאר פאר ראש השנה האט רבי וואלף קיצעס מחליט געווען אראפצושרייבן אלע 'כוונות האריז"ל' אויף א צעטל, כדי ער זאל עס קענען האבן אין מחזור און עס זאל אים זיין גרינגער צו געדענקען. ווען עס איז געקומען די הפסקה און רבי וואלף איז געגאנגען אין מקוה, איז דער בעל שם הקדוש צוגעגאנגען צו רבי

וואלף'ס מחזור, גענומען דעם צעטל און עס באהאלטן.

ווען רבי וואלף איז צוריקגעקומען, האט דער בעל שם הקדוש געוויזן אנצופאנגען 'למנצח', דער גאנצער עולם האט געקאכט און געברענט. ווען ער האט געוואלט זאגן די ברכה פאר תקיעת שופר און האט געזוכט דעם צעטל מיט די כוונות, זעט ער פלוצלינג אז עס איז נישט דא. ער האט געמישט דעם מחזור אהער און אהין, אבער ער האט גארנישט געפונען.

זיין הארץ איז געווארן אינגאנצן צעבראכן. וואס טוט מען דא? אבער ער האט שוין געמוזט אנפאנגען די ברכה, ווייל דער הייליגער בעל שם הקדוש וואַרט. **בלית ברירה האט ער אנגעהויבן זאגן די ברכה מיט א מורא'דיג צעבראכן הארץ, און אזוי האט ער געבלאזן די תקיעות יענע יאר - אָן קיין שום כוונות האר"י, נאָר מיט א כוונה תמימה ופשוטה לקיים מצות בוראו.**

נאכן דאווענען האבן זיך די הייליגע תלמידים געזעצט צו די סעודה, נהנה צו זיין מזיו השכינה ופני מלכם בראשם, דער הייליגער בעל שם הקדוש. אינמיטן די סעודה האט זיך דער בעל שם הקדוש אנגערופן צו רבי וואלף: **"היינט האט איר זייער גוט געמאכט מיט אייערע תקיעות"**. רבי וואלף איז געבליבן שטיל, וויסנדיג אז היי-יאָר האט ער נישט אינזין געהאט קיין שום כוונות.

האט דער בעל שם הקדוש ווייטער געזאגט: "ווייסטו פארוואס? יעדעס יאר פארלאזט איר זיך אויף די כוונות. כוונות היחודים איז א מורא'דיגע זאך, ס'איז א שליסל צו אלע היכלות. אמאל טרעפט מען דעם שליסל און אמאל נישט.

אבער וואס פאסירט ווען עס איז דא א 'מחיצה של ברזל' אדער א 'מחיצה של אבן'? דעמאלטס קען דער שליסל נישט עפענען די שטיינער, און דער שליסל קען נישט עפענען אן אייזערנע מחיצה".

האט דער הייליגער בעל שם הקדוש אויסגעפירט:

**"אבער א צובראכענע הארץ איז אזוי ווי א 'האַק', און א צובראכענע הארץ צוברעכט אלע חומות און אלע מחיצות. ווען דו האסט נישט געהאט דעם צעטל, האסטו געהאט א צעבראכן הארץ, און מיט דעם האסטו צעבראכן אלע מחיצות!"**

עד כאן המעשה וואס דער הייליגער קאברינער האט דערציילט פונעם בעל שם הקדוש.

## דער לב נשבר פונעם מענטש אלס א 'האַק' וואס צוברעכט אלע טויערן!

ווען עס קומען די הייליגע תפילות פון די הייליגע טעג און א מענטש פילט זיך פארקלעמט - אמאל ווייל ער האט געוואלט האבן כוונה און עס גייט אים נישט, אמאל ווייל ער האט געוואלט האבן א צוגאסן הארץ און עס גייט נישט, און אמאל ווייל ער האט דאגות און יסורים און ווארט שוין יארן אויף א ישועה - דעריבער איז זיין הארץ פארקלעמט און דאס דאווענען גייט נישט.

אבער וואס דער מענטש כאפט נישט איז, אז **אויב ער האט א צובראכענע הארץ, עס מאכט נישט אויס וואסערע טעם אדער סיבה עס האט געברענגט דעם לב נשבר, דער לב נשבר איז ווי א 'האַק', און ער צוברעכט אלע מחיצות של ברזל שבין ישראל לאבינו שבשמים!**

## די וויכטיגקייט פון אמונה און בטחון

אבער, מען דארף אוודאי האבן 'אמונה' און 'בטחון'.

דער הייליגער **רבינו בחיי** אין 'כד הקמח' איז מסביר, אז תפילה איז א ביטוי פון אמונה און בטחון. **אויב דו ווערסט האבן אמונה און בטחון אז "לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה", און אז א צובראכענע הארץ ברעכט אלע מחיצות של ברזל, ווערסטו בעז"ה פועל'ן א ישועה מיט דיין דאווענען.**

**דו ווערסט זען ווי פלוצלינג דער 'לב אבן' ווערט נתהפך ווערן צו א הארץ פון 'שופכים לב כמים', אזוי ווי מיר זאגן ביי די הושענות.** און בעזרת השם ווערסטו זוכה זיין צו גרויסע ישועות!

# ראש השנה אצל הרה"ק ה'דברי חיים' מצאנז זי"ע

### דער בערלינער איד ראש השנה ביים הייליגן צאנזער רב זי"ע

ס'איז דא א מורא'דיגע מעשה פון א איד פון 'בערלין', וואס איז בכלל נישט געווען קיין חסיד'ישער איד, און בכלל נישט קיין גרויסער בר אוריין, ער איז געווען ווייט פון צו זיין א בעל השגה. ער איז געווען אין צאנז אויף ראש השנה ביים הייליגן **צאנזער רב** זי"ע, און ער האט געזאגט אזעלכע הגדרות וואס ס'איז כדאי צו צונעמען, אזוי וועלן מיר האבן א שטיקל השגה וואס עס האט זיך אפגעטון ביים הייליגן צאנזער רב אום ראש השנה.

די מעשה ברענגט ארויס די געוואלדיגע הרגשה וואס איז געווען אין די הייליגע טעג במחיצת הקודש לפני ולפנים, וואס כאטש ער איז נישט געווען קיין חסיד'ישער איד און נישט קיין בעל השגה, פונדעסטוועגן האט ער געשפירט אזעלכע גרויסע השגות ביים הייליגן צאנזער רב. דאס גיט אונז א שטיקל 'פתח כחודו של מחט' צו פארשטיין וואס עס האט זיך אפגעטון ביי דעם הייליגן צדיק.

### דער הייליגער 'דברי חיים': גודל נשמתו וגאונתו בתורה

כידוע איז דער הייליגער צאנזער רב געהאט אלפי רבבות חסידים, ובתוכם רבי'ס, רבנים און דיינים, עס איז באקאנט אז צדיקים האבן געזאגט אויף זיין עבודת הקודש אז ער האט געהאט א ניצוץ פונעם הייליגן **בארדיטשובער רב** און פונעם **תנא רבי עקיבא**, (וואס דאס איז א שמועס פאר זיך אליין, 'לא עשו אסף המקנה', ועוד חזון למועד).

אבער נישט נאָר איז דער הייליגער צאנזער רב געווען נערץ בפי כל צדיקי הדור און געפירט אַן עדה פון אלפי רבבות ישראל, ער איז אויך געווען באוואוסט אלס דער פוסק הדור און שר התורה. זיין כח התורה און זיין כח הקדושה איז געווען נערץ בפי כל גדולי עולם - אשכנז'ישע, ליטווישע און אויבערלענדישע.

אינעם ספר שו"ת 'דברי חיים' זענען דא תשובות צו אלע רבנים פון די ארומיגע שטעט אין לענדער. פון גאליציע, פוילן, אונגערן, רוסלאנד, א.א.וו. בכל ד' חלקי שו"ע, די שווערסטע שאלות בעניני איסור והיתר, מקוואות, היתר עגונות, מסורות העופות, ועוד, זענען געשיקט געווארן צו אים. ס'איז ידוע די הפלגות וואס דער גאון און פוסק הדור בעל **'שואל ומשיב'** זי"ע האט געזאגט אויפ'ן הייליגן צאנזער רב, ווי מיר וועלן שוין זען.

### די עגונה-שאלה און די שנעלע תשובה ערב יום הקדוש

ס'איז באקאנט די מעשה פון אַן עגונה וואס דער שואל ומשיב האט איר געשיקט צום הייליגן צאנזער רב. די מעשה גייט אזוי:

דער הייליגער שואל ומשיב מיט זיין בית דין האבן זיך געזעצט שעות ארוכות, טאג נאך טאג, דורכצוטון די סוגיא, און ער האט געשריבן א היתר-עגונה פאר דער פרוי. אבער דער הייליגער שואל ומשיב האט זיך אויסגענומען אז דאס איז נאָר בתנאי אז זי באקומט צו דעם א הסכמה פונעם הייליגן צאנזער רב.

ער האט געזאגט פאר דער פרוי אז וויבאלד יעצט האלט מען אין די ימים נוראים, איז א שאד זי זאל יעצט פארן קיין צאנז, זי זאל ענדערש גיין נאך סוכות צום הייליגן צאנזער רב און אים בעטן ער זאל זיך מצרף זיין צו דעם היתר.

די פרוי, וויבאלד זי איז געווען אין א מורא'דיגע מצב פון עגמת נפש, איז גלייך געגאנגען און אנגעקומען קיין צאנז ערב יום הקדוש ביינאכט. ווען נאָר זי איז אנגעקומען האט זי אנגעהויבן פארפירן. דער הייליגער צאנזער רב האט געפרעגט וואס ס'גייט פאָר, און דער הייליגער דברי חיים האט געזאגט מען זאל איר צולאזן, און זי האט אים דערציילט די גאנצע מעשה.

**איז דער הייליגער צאנזער רב געגאנגען, און זיך אוועקגעשטעלט 'ערב יום הקדוש ביינאכט' שרייבן א תשובה פאר צוויי שעה! ער האט געשריבן דעם גאנצן בירור פונעם היתר-עגונה אז ער איז מסכים און דער פרוי מעג חתונה האבן.**

ווען זי איז צוריקגעקומען צום הייליגן שואל ומשיב האט ער עס ממש נישט געוואלט גלייבן... ווייל ער האט דאך געוואוסט זיין עבודת הקודש פונעם צאנזער רב אין די טעג, און עס וועט נישט זיין מעגליך זי זאל דאס קענען באקומען פון אים.

כידוע האט מען געזאגט אויפ'ן הייליגן צאנזער רב, אז **פון די הייליגע טעג ביז נאך שמחת תורה איז ער געשלאפן געציילטע שעות, ממש למעלה מגדר אנושי**. ועל כולם האט ער געשריבן א תשובה אויף אַן עגונה-שאלה, וואס דער הייליגער שואל ומשיב מיט זיין בית דין האבן זיך געמוטשעט דערויף עטליכע טעג, און ער האט עס געשריבן אין בלויז צוויי שעה!

(מ'דארף דא צולייגן אז דער צאנזער רב האט געהאט טויזנטער חסידים וואס האבן אנגעקלאפט ביי זיין טיר מיט קוויטלעך, מיט צדקות און מיט עבודות, און פונדעסטוועגן האט ער אין צוויי שעה געשריבן דעם היתר-עגונה).

**דער שואל ומשיב האט זיך דעמאלט אויסגעדריקט געוואלדיגע הגדרות אויפ'ן צאנזער רב'ס גאונות ווייל עס האט געדויערט אפאר טעג פאר זיין בי"ד צו שרייבן די תשובה און דער הייליגער צאנזער רב האט דאס געשריבן אין צוויי שעה! נאך דערצו ערב יום הקדוש - ווען אלפי ישראל דופקים על פתחו!**

## א הנהגה למעלה מן הזמן: די עבודת התפילה

עכ"פ, דער הייליגער צאנזער רב איז געווען נערץ בפי כל גדולי הדור, זיין נאמען איז געגאנגען ביז די אשכנז'ישע שטעט, און דער איד פון בערלין איז געקומען אויף ראש השנה קיין צאנז.

מ'דארף נישט מסביר זיין אז דער גאנצער הלוך ילך אין צאנז איז פאר א בערלינער איד געווען ממש ווי 'פנים חדשות באו לכאן'... ער איז געווען געוואוינט צו א זייגער, און וואו אלעס פּאַרט פונקטליך מיט א סדר. אבער די הנהגה ביים הייליגן צאנזער רב, בפרט ראש השנה, איז געווען למעלה מן הזמן.

דער איד איז געווען געוואוינט אז א מעריב דויערט מאקסימום ביז א האלבע שעה, און דא האט א מעריב געקענט נעמען א שעה מיט א האלב אדער צוויי שעה. א קריאת-שמע פונעם הייליגן צאנזער רב האט געקענט דויערן א גאנצע שעה! ווער רעדט נאך ווען עס איז געקומען צו שחרית און קריאת התורה, וואס האט גענומען שעות ארוכות, און די טישן זענען געגאנגען ממש ביז'ן עלות. עס איז געווען 'לא יום ולא לילה'.

## א גן-עדן אויף דער וועלט און דער ענין פונעם 'וואונדער-ראבינער'

נאך ראש השנה האט זיך דער איד אויסגעדריקט מיט צוויי פתגמים וואס זענען חובקות זרועות עולם, ווען מ'הערט עס פון א פשוט'ע בערלינער איד וואס איז בכלל נישט געווען קיין חסידישער אדער א בר אוריין, האט עס א טעם מיוחד צו הערן זיין הרגשה וואס ער האט געשפירט אין צאנז.

די ערשטע הרגשה האט ער געזאגט: **"צוויי טעג און צוויי נעכט נישט געשלאפן און נישט געגעסן, אבער אזא 'טעם גן-עדן' וואס איך האב געשפירט אין צאנז ראש השנה, האב איך מיין גאנץ לעבן נישט געשפירט!**

די צווייטע זאך האט ער געזאגט: **"איך פארשטיי יעצט פארוואס מ'רופט דעם הייליגן צאנזער רב א 'וואונדער-ראבינער'"**. ער האט עס מסביר געווען אזוי: "ביי מוסף איז שוין געווען זייער שפעט נאך די עבודה פונעם הייליגן צאנזער רב ביי שחרית און קריאת התורה. ס'איז שוין געווען שפעט נאכמיטאג און מ'האט געדארפט דאווענען מוסף און מנחה און זיך וואשן צו די סעודה נאך מבעוד יום. דעריבער האט די גאנצע מלכיות-זכרונות-שופרות געדויערט קוים א האלבע שעה.

**"אבער"**, האט ער געזאגט, **"די 'אשר יצר' פונעם צאנזער רב האט געדויערט פינף און פערציג מינוט ראש השנה! יעצט פארשטיי איך פארוואס ער איז א 'וואונדער-ראבינער', אז דער 'אשר יצר' נעמט לענגער ווי מלכיות-זכרונות-שופרות..."**

## ארויסנעמען חיזוק און השגות

אזא מעשה האט אלפי אלפים פירושים... יעדער איינער זאל זיך מאכן זיינע אייגענע פירושים און פירושי פירושים. **יעדער זאל ארויסנעמען פאר זיך די חיזוקים און די השגות וואס ער דארף, כדי אויפצומאכן אונזער מוח הגשמי און אונזער לב הגשמי, און אביסל מגלה זיין אונזערע השגות.** מיר זאלן אנהייבן צו משתוקק זיין און שטרעבן צו וויסן וואס עס מיינט ראש השנה, וואס עס מיינט עבודת הצדיקים, און פארשטיין וואס עס מיינט וואס אידן האבן געשפירט ביי צדיקים, ווי אויך די טעם גן-עדן וואס מען האט געשפירט ביים הייליגן צאנזער רב אין הויף.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו גיין אין די דרכי הצדיקים. און אז מיר פארציילן די סיפורי צדיקים און מיר ווערן נתעורר צו גיין אין זייערע וועגן, וועלן זיי אוודאי זיין א מליץ יושר פאר אונז.

ווי מיר האבן שוין דערמאנט פון אין די הייליגע **דרשות חתם סופר** וואס זאגט, אז מיר האבן א קבלה אז די נשמות פון די צדיקים און די נשמות פון די אבות הקדושים קומען אין די הייליגע טעג אין בית המדרש. איז אוודאי און אוודאי, ווען מיר פארציילן סיפורי צדיקים, קומען זיי אראפ העלפן אונז און זענען פאר אונז א מליץ יושר, אמן.

# די הייליגע מנהגים, ניגוני נוסחאות, און סימנים פון ליל ראש השנה

## די חשיבות פון מנהגי ישראל אין שולחן ערוך און די מסורת האבות

מיר געפינען ביי די ימים נוראים א געוואלד מיט 'מנהגים'. מיר זעען אז הגם דער גאנצער טור-שולחן ערוך איז אוועקגעשטעלט על פי הלכה, זענען דא צוויי סימנים וואס זענען אוועקגעשטעלט בלויז אויף מנהגים.

דער ערשטער איז **סימן תקפ"ג**, וואס איז א סימן אוועקגעשטעלט פונעם הייליגן טור, דעם מחבר און דעם רמ"א, בלויז אויף די מנהגי ישראל פון ליל ראש השנה (ומקורם בחז"ל במס' כריתות והוריות), צוזאמען מיט אלע אנדערע מנהגים פון ראש השנה, ווי גיין צו 'תשליך' וכדומה.

דאס צווייטע מאל וואס מיר געפינען א גאנצן סימן וואס איז אוועקגעשטעלט בלויז אויף מנהגים, איז אין הלכות יום הכיפורים **סימן תר"ה**, וואו דער טור מיט'ן מחבר און דעם רמ"א האבן אוועקגעשטעלט א סימן אויפ'ן ענין פון 'כפרות', וואס איז אויך בלויז א מנהג.

ווען עס קומען די הייליגע טעג, האט דאך יעדער איינער א געוואלד מיט מנהגים און יעדער האט זיין מסורת האבות. דארף מען זען אנצוהאלטן די מנהגים, אזוי ווי מיר זעען אז דער הייליגער טור, מחבר און רמ"א, האבן אוועקגעשטעלט עקסטערע סימנים אויף מנהגים. עס איז נישט קיין **חיוב**, עס איז נישט קיין **מצוה**, עס זענען **מנהגים**, אבער **'יסודתם בהררי קודש'**.

מיר געפינען ביי די סימנים פון ליל ראש השנה, אז שוין אין די **גמרא** מסכתות כריתות און הוריות אז די הייליגע תנאים און אמוראים האבן געגעסן די סימנים, און ווי מיר וועלן שפעטער זען, האט מען שוין געגעסן די סימנים נאך אין די צייטן פון די **אבות הקדושים**, אברהם יצחק ויעקב.

## נוסחאות ימים נוראים מימות משה רבינו מסיני

מיר וועלן דא צוזייכענען א מורא'דיגן שטיקל פונעם הייליגן **תולדות** זי"ע אין פרשת כי תצא (אות י"ב ביים סוף), וואו ער זאגט א דבר נורא איבער די 'מנהגים' וואס כלל ישראל האט, ובמיוחד לגבי די 'נוסחאות' פון די הייליגע טעג.

עס איז דאך באקאנט אז די נוסחאות בכל ארצות אייראפע בעיקרו ובשרשו זענען זיי ענדליך איינער צום אנדערן. יעדע חצר און יעדע קהילה האט טאקע איר אייגענעם קנייטש, אבער ביסודו זענען די ניגונים די זעלבע. זאגט דארט דער הייליגער תולדות, אז די ניגונים פון די ימים נוראים **"הניגון הוא מסיני"** - די ניגונים האט מען מקבל געווען מסיני, דעריבער **"אין לשנותה"**, מען זאל עס נישט טוישן, און ער ענדיגט צו **"והאמת כך הוא"**.

ער גייט דארט אריין אין דעם אז מען האט צוגעלייגט ניגונים ביי אנדערע שטיקלעך וואס זענען נישט אזוי מקובל, און ער רעדט דארט אז די חזנים זאלן נישט מסלסל זיין בקול. אבער עכ"פ, אין תולדות שטייט דא א מורא'דיגע זאך, אז **די נוסחאות און די ניגונים, די הייליגע מנהגים וואס מיר האבן מקבל געווען, שטאמען נאך פון משה רבינו מסיני!**

## דער הייליגער מהר"ל ברענגט אַן התחזקות פאר כלל ישראל דורך אראפברענגען די 'שירת הלויים'

דער **ריי"ץ** פון **ליובאוויטש** זי"ע אין זיינע בריוו ברענגט אראפ וואס ער האט מקבל געווען פון אבותיו הקדושים ולמעלה בקודש, אז די ניגונים און די הייליגע נוסחאות פון די ימים נוראים און ימים טובים, וואס ביי כלל ישראל איז עס א 'צד השוה' - ווי פריער ערווענט. און ער זאגט אז **דאס האט דער הייליגער מהר"ל אראפגעברענגט פאר כלל ישראל.**

דאס איז געווען ווען כלל ישראל איז אדורך גאר שווערע צייטן, אין די יארן פון די גזירות ת"ח ות"ט, מיט נאך אנדערע שרעקליכע גזירות, האט דער מהר"ל געבעטן מען זאל אראפשיקן א חיזוק פון הימל צו מחזק זיין כלל ישראל.

**מען האט דעמאלטס געעפנט די שערי שמים, און דער הייליגער מהר"ל האט געהערט די 'שירת הלויים'. און דאס האט ער איבערגעגעבן פאר כלל ישראל זיך צו מחזק זיין. און דאס זענען די נוסחאות פון די ימים נוראים און ימים טובים.**

די מציאות הדברים איז, אז מען זעט אז ביי די ניגונים פון די ימים נוראים און ימים טובים, פון קליינע קינדער אין בית המדרש ביז'ן גדול שבגדולים, ווערן אלע

נתעורר. לויט ווי מיר שמועסן יעצט פארשטייען מיר עס, ווייל דער הייליגער תולדות זאגט אז עס איז א קבלה ממשה מסיני, און ווי מיר זעען יעצט אז דער ריי"ץ זאגט אז ער האט מקבל געווען מאבותיו אז דער מהר"ל האט געהערט די שירת הלויים. אויב אזוי, ווערט דאך יעדער אוודאי נתעורר...

(אגב מען זעט טאקע אז אין גאנץ ארצות אייראפע אז די נוסח ביסודו איז אייניג, משא"כ ארצות המערב וכדו' - לויט די מסורה פון מהר"ל פארשטייט מען דאס זייער גוט, ווייל נאָר אין אייראפע איז דאס נתפשט געווארן ווייל ביי זיי האט מען געדארפט התחזקות. וכדי לציין אז אחב"י הספרדים ובפרט פון תימן האבן אויף דעם מסורות נפלאים, ואכהמ"ל).

אבער וואס מיר דארפן נאך ארויסלערנען פון דעם איז, אז **מנהגי ישראל זענען גאר געוואלדיג גרויס, און יסודתם בהררי קודש.**

## דער מנהג פון עסן א ראש איל - זכר לעקידת יצחק

**לגבי די 'סימנים' פון ליל ראש השנה:** אין אלגעמיין, אויב מען וועט פרעגן עמיצן פון וואו די מנהגים שטאמען, וועט ער זאגן אז מסתמא איז עס אלט עטליכע הונדערט יאר.

אבער דער וואס קוקט אריין אין די **גמרא** אין מסכת כריתות (ה, ב) און אין סוף מסכת הוריות, זעט אז **די סימנים פון ליל ראש השנה זענען שוין געווען בימי חז"ל.**

דא איז כדאי צוצייכענען אן אינטערעסאנטע הערה: ווען דער טור אין סימן תקפ"ג ברענגט אראפ די מנהגים פון עסן די סימנים ליל ראש השנה, איז ער מעתיק די גאנצע גמרא. לכאורה איז עס א פלא, דער טור איז דאך א פוסק וואס קומט פסק'ענען הלכה, פארוואס ברענגט ער אראפ די גאנצע גמרא?

נאָר דער פשט איז, **ער האט געוואלט ווייזן אז מנהגי ישראל יסודתם בהררי קודש, און אז אפילו אין די צייטן פון חז"ל האט מען שוין געגעסן די סימנים.**

## דער ראש כבש האט מען שוין געגעסן בימי האבות הקדושים

עס איז דא א מורא'דיגער **חתם סופר** אין פרשת ויצא (דפוס ירושלים עמוד קנ"ט ד"ה ואולי, נישט די געווענליכע 'תורת משה' אדער די פינף בענדער), וואס צייכנט צו, אז די סימנים האט מען שוין געגעסן נאך אין די צייטן פון אברהם, יצחק ויעקב.

בהקדם: דער טור ברענגט אראפ אין תקפ"ג סעיף ב', אז דער **מהר"ם מראטענבורג** פלעגט עסן א 'ראש איל' - א קאפ פון א ווידער - ראש השנה, אלס א 'זכר לאילו של יצחק', כדי צו דערמאנען עקידת יצחק, אזוי ווי מיר זאגן אין די תפילות ראש בשנה: "ועקידת יצחק היום ברחמים תזכור".

דער **בית יוסף** ברענגט דעם **מרדכי** אין מסכת יומא (סימן תשכ"ג) בשם די גאונים, אז מען פלעגט עסן קעפ פון שעפסן ראש השנה **"כדי שישימינו הקדוש ברוך הוא לטובה בראש השנה"**, אז דער אייבערשטער זאל אונז אויסהערן. נאך א זאך זאגט ער: **"וישימנו לראש ולא לזנב"** - מען עסט א ראש כבש 'שנהיה לראש ולא לזנב'. עס קומט אויס אז עס זענען דא צוויי טעמים דערויף.

אינעם רמ"א אין שולחן ערוך ווערן טאקע געברענגט די צוויי טעמים פארוואס מען עסט א ראש כבש: **איינס**, כדי מיר זאלן זיין לראש ולא לזנב. און **צווייטנס**, אלס א זכר לאילו של יצחק, מען זאל דערמאנען די זכותים און דער אייבערשטער זאל אונז דערמאנען לטובה.

נאך אן אינטערעסאנטע זאך ווערט געברענגט אין **הגהות אשר"י** (מס' ראש השנה פרק א' סימן ה'), און דער בית יוסף ברענגט עס אראפ, וואו עס שטייט: **"אנו נוהגין לאכול ראש איל ודבש חי"**. מען עסט די ראש כבש, די ראש איל, מיט האניג, **"ומטבילין את הראש בדבש"** - מען טינקט איין דעם קאפ אין האניג.

דער זעלבער מנהג ווערט אראפגעברענגט פונעם **תרומת הדשן**. דער **לקט יושר** ברענגט אז זיין רבי, דער תרומת הדשן, האט זיך אזוי געפירט.

קומט אויס אז עס איז געווען א מנהג צו עסן א ראש כבש ראש השנה. בפשטות איז עס א מנהג וואס שטייט אינעם רמ"א און ביים מהר"ם מראטענבורג, אבער דעם מנהג געפינט מען אפילו נישט אין די גמרא, ווייל אין די גמרא ווערן געברענגט **אנדערע סימנים**, און דער ראש כבש איז בלויז א חידוש פון די גאונים און פונעם מהר"ם מראטענבורג.

אבער מיר וועלן זען א מורא'דיגע זאך, אז דאס איז שוין מקובל פון די אבות הקדושים. דער הייליגער חתם סופר אין פרשת ויצא זאגט אז **עס איז געווען דער מנהג פון אברהם, יצחק ויעקב, אז דעם טאג פון עקידת יצחק - וואס דאס איז געווען ראש השנה - האבן זיי געגעסן א ראש כבש!**

## די שיטה אז עקידת יצחק איז פארגעקומען אום ראש השנה

בנוגע אז די זמן פון די עקידה איז געווען ראש השנה איז דא אין דעם א גאנצע שמועס, אין די מדרשי חז"ל ופוסקים צו דאס איז געווען ראש השנה, יום כיפור, אדער פסח.

**א.** די שיטה פונעם **זוהר הקדוש** (פרשת ויקרא דף י"ח, ופרשת כי תצא דף רפ"ב), און אויך דער **מדרש** אין פסיקתא רבתי (פרק מ') זאגט אז די עקידה איז

געווען ראש השנה.

מיר געפינען אויך א געוואלד מיט ראשונים וואס האלטן אזוי. דער **שבלי הלקט** (הלכות ראש השנה, סימן רפ"ח) זאגט אז מיר ליינען די פרשה פון עקידת יצחק ראש השנה ווייל "**מעשה העקידה היה בראש השנה**". אזוי אויך האלטן דער **רוקח** (אין פרשת וירא און אין הלכות ראש השנה), דער **ספר התניא** (סימן רפ"ח).

דער **אבודרהם** ביי די תפילה פון ראש השנה, ביי די תקיעות, זאגט אז דאס איז די סיבה פארוואס מיר בלאזן 'תרועה'. ראש השנה ווערט דאך אנגערופן "יוֹם תְּרוּעָה" (במדבר כט, א). אין די תורה ווערט עס נישט אנגערופן 'יום תקיעה' נאָר 'יום תרועה', ווייל דאס קומט אונז ווייזן דעם זכות פון 'עקידת יצחק'. וואס הייסט?

ער ברענגט א **מדרש** אויף שרה אמנו אז זי האט געזאגט "**ותצחק ותיבב ותילל**" - דאס טייטש, ווען שרה אמנו האט געהערט ראש השנה אז יצחק איז נעקד געווארן על גבי המזבח, האט זי זיך געפרייט אבער אויך געוויינט.

דער אבודרהם לערנט פשט אז עס איז געווען א 'בכיה של שמחה', און איר נשמה איז אויסגעגאנגען, פרחה נשמתה, מיט א 'דביקות'. נאך אסאך מפרשים לערנען אויך אזוי ווי דעם אבודרהם אז דאס וואס שרה אמנו'ס נשמה איז אויסגעגאנגען איז נישט געווען מחמת 'צער', נאָר מחמת 'דביקות'.

זאגט דער אבודרהם, **וועגן דעם שטייט אין די תורה "יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם", כדי דער אייבערשטער זאל געדענקען די געוואלדיגע מדרגה פון עקידת יצחק און די געוואלדיגע דרגה פון שרה אמנו, אז זי האט זיך געפרייט און געהאט א בכיה של שמחה.**

**ב.** אבער אין אנדערע מדרשים, ראשונים און אחרונים שטייט אז די עקידה איז געווען **יום כיפור**. אזוי שטייט אין **ילקוט ראובני** (סוף פרשת וירא). **דרשות ר"י אבן שואב** (-א תלמיד פון רשב"א, דרשת יו"כ עמ' תק"ז), די **ריקאנטי**. עי' בפי' **הרד"ל** אויף פרקי דרבי אליעזר (פרק ל"א ס"ק מ"ד). דער **חיד"א** אין זיין ספר 'עבודת הקודש' (מנחה יום כיפור). ועי"ש **ווי ער האט מסדר געווען א תפלה מיוחדת צו זאגן יום הקדוש בענין העקידה בשעת תפלת מנחה**. דער **רמ"ע מפאנו** (עשרה מאמרות, 'חיקור דין' ח"ב פ"א, 'אם כל חי' ח"ג סי' ל"ב, 'הנפש' ח"ד פי"ד).

**ג.** ויש אומרים אז עס איז געווען **יו"ט פסח ט"ו ניסן**, עיין **מדרש רבה** (פרשת בא פרק ט"ו אות י"א), דער הייליגער **רבי ר' יהונתן אייבשיץ** אין 'תפארת יהונתן' (פרשת וירא).

## דער חידוש פונעם חתם סופר: די אבות הקדושים האבן געגעסן א 'ראש כבש'

לאמיר יעצט צוריקגיין צו די ווערטער פונעם חתם סופר. דער חת"ס גייט מיט די שיטה אז די עקידה איז געווען ראש השנה, און ער איז מחדש א מורא'דיגע זאך. אז אום ראש השנה, ווען עס איז געווען עקידת יצחק - ווי מיר האבן יעצט געשמועסט - **האבן די אבות הקדושים געהאט א מנהג צו עסן א ראש איל, אלס א זכר צו די עקידה.**

אבער, זאגט דער חתם סופר, עס איז געווען א שטיק צייט, עטליכע יאר, וואס יעקב אבינו האט נישט געגעסן דעם ראש כבש אדער ראש איל. ווען איז דאס געווען? **ווען ער איז געווען בבית לבן.**

מיר געפינען אין די פסוקים פון פרשת ויצא (בראשית לא, לו-מ) אז ווען יעקב אבינו האט געזאגט פאר לבן "מַה פִּשְׁעִי מַה חַטָּאתִי כִּי דָלַקְתָּ אַחֲרָי" - וואס האב איך געזינדיגט אז דו האסט מיר נאכגעיאגט? זאגט ער אים דארט אז ער האט מנדד שינה געווען, "הָיִיתִי בַיּוֹם אֲכָלַנִי חֹרֶב וְקֶרַח בַּלָּיְלָה וַתִּדַּד שְׁנָתִי מֵעֵינָי" - אפילו ווען עס איז געווען קאלט אדער ווען די זון האט געבאקן זומער און ווינטער, האב איך שטענדיג אפגעהיטן דיינע שאף. און אין פסוק שטייט אז יעקב אבינו דריקט זיך אויס: "וְאֵילֵי צֹאנְךָ לֹא אָכָלְתִּי", איך האב נישט געגעסן 'אילי צאנך'.

לכאורה דארף מען פארשטיין, **פארוואס האט ער זיך אויסגעדריקט פונקט אויף די 'איל' אז ער האט עס נישט געגעסן?**

זאגט דער הייליגער חתם סופר, אז **ווען יעקב אבינו איז געווען אין בית לבן, האט ער נישט מקיים געווען דעם מנהג פון עסן דעם ראש כבש אין ראש השנה.**

פארוואס?

ווייל היות ער האט נישט געוואלט אז לבן מיט זיין משפחה זאלן אים חושד זיין אז ער האט עפעס צוגענומען פון זיי, האט ער נישט גענומען פון די אילים דעם קאפ. **וועגן דעם האט ער געזאגט פאַר לבן: "וְאֵילֵי צֹאנְךָ לֹא אָכָלְתִּי" - אפילו ראש השנה, "ווען מיר האבן א קבלה אז אברהם, יצחק און יעקב פלעגן עסן דעם ראש כבש", האב איך עס נישט געגעסן ליל ראש השנה.**

## מקורות הסימנים מן התורה נביאים וכתובים

מיר וועלן אויך צוצייכענען א מורא'דיגן **מטה משה** אין סימן תש"צ.

זאגט דער הייליגער מטה משה, אז מען עסט זיסע זאכן ליל ראש השנה און מען זאגט "שתתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה", און ער זאגט אויף דעם: "**דבר זה כתוב בתורה ושנוי בנביאים ומשולש**

**בכתובים".**

**א. "כתוב בתורה":** אין דער תורה הקדושה שטייט (שמות טו, כה) "וַיִּצְעַק אֶל ה' וַיּוֹרֵהוּ ה' עֵץ וַיַּשְׁלֵךְ אֶל הַמַּיִם וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם שָׁם שָׂם לוֹ חֹק וּמִשְׁפָּט וְשָׁם נִסָּהוּ" – דער פסוק שטייט גלייך נאך די 'שירת הים'. זאגט ער אזוי: 'חק ומשפט' גייט ארויף אויף ראש השנה, און גלייך דערנעבן שטייט 'וימתקו המים'. זאגט דער מטה משה אז דאס קומט אונז לאזן הערן, אז **"ביום המשפט ראש השנה יאכלו מתוקים"** – מען זאל עסן זיסע זאכן אום ראש השנה.

**ב. "שנוי בנביאים":** עס שטייט ביי **אביגיל** (שמואל א, כה, לו) "וַיְהִי כַּעֲשֶׂרֶת הַיָּמִים...", און פארדעם (פסוק יח) שטייט "וַתְּמַהֵר אֲבִיגַיִל וַתִּקַּח מָאתַיִם לֶחֶם וּשְׁנַיִם נִבְלֵי יַיִן וַחֲמֵשׁ צֹאן עֲשׂוּיוֹת וַחֲמֵשׁ סְאִים קָלִי וּמֵאָה צִמֻּקִים וּמָאתַיִם דְּבֵלִים וַתָּשֶׂם עַל הַחֲמֹרִים". און די גמרא זאגט אז **די 'עשרת הימים' זענען געווען די 'עשרת ימי תשובה'. זעט מען פון דארט אז מען עסט און טרינקט זיסע זאכן אין די טעג.**

(אגב, דאס איז א מקור צו דעם וואס מיר האבן געברענגט פונעם הייליגן תרומת הדשן, און אזוי ווערט אויך געברענגט אין **סמ"ק**, אז דער **ראבי"ה** און דער **מרדכי** האבן אלע געגעסן די סימנים די גאנצע עשרת ימי תשובה. און לויט ווי עס ווערט דא אראפגעברענגט אינעם מטה משה, אז דער מקור איז פון אביגיל וואו עס שטייט ביי די עשרת הימים אז זי האט געברענגט זיסע זאכן, איז דאס א ראיה אז מען זאל עסן דברים מתוקים דורכאויס די גאנצע עשרת ימי תשובה).

**ג. "ומשולש בכתובים":** אין תהלים שטייט (יט, י) "מִשְׁפְּטֵי ה' אֱמֶת צָדְקוּ יַחְדָּו". 'משפטי ה" גייט ארויף אויף ראש השנה ווען דער אייבערשטער משפט די וועלט, און גלייך דערנאך שטייט (פסוק יא) "וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים", אז **ראש השנה עסט מען זיסע זאכן מיט האניג.**

## דער מקור פון עסן עפל מיט האניג ראש השנה

**ד.** דערנאך ברענגט ער נאך א פסוק אין תהלים (פא, ד-ה), וואו עס שטייט "תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר בַּכֵּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ, כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב", און שפעטער שטייט (פסוק יז) "וַיַּאֲכִילֵהוּ מֵחֵלֶב חִטָּה וּמִצּוּר **דְּבַשׁ אַשְׂבִּיעֶךָ**".

**ה.** עס שטייט אין תהלים (פב, א) "מִזְמוֹר לְאָסָף אֱלֹקִים נִצָּב בַּעֲדַת קֵל **בְּקֶרֶב אֱלֹקִים יִשְׁפֹּט**", און אינעם לעצטן פסוק פונעם פריערדיגן קאפיטל שטייט אויך "וּמֵחֵלֶב חִטָּה וּמִצּוּר דְּבַשׁ אַשְׂבִּיעֶךָ", סמוכין זה לזה, צו ווייזן אז **אין יום המשפט עסט מען זיסע זאכן.**

**ו.** דערנאך ברענגט ער אראפ דעם פסוק אין **נחמיה**, וואס דער הייליגער מחבר ברענגט אויך אראפ אין סימן תקצ"ז, אז מען טאר נישט פאַסטן ראש השנה נאָר מען דארף עסן א סעודה. דארט שטייט (ח, י) "לְכוּ אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים", און דער מטה משה איז מדייק צוויי זאכן: פשטות הפסוק קומט אונז לערנען די הלכה אין שולחן ערוך אז מען דארף עסן א סעודה ראש השנה און מען טאר נישט פאסטן. דאס איז דער מקור פון די ראשונים נישט צו פאסטן ראש השנה.

אבער דער מטה משה איז מדייק פונעם פסוק אז ראש השנה דארף מען עסן זיסע זאכן, מען דארף עסן דעם עפל מיט האניג און אלע זיסע סימנים. פארוואס? ווייל עזרא הסופר האט געזאגט "אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים **וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים**". **ווי אויך ווערט דערמאנט אין די אלע פסוקים 'דבש', ממילא ברענגט ער א ראי' צום מנהג ישראל בכל הדורות צו עסן האניג אין ראש השנה.**

וזה לשונו: **"לכן נהגו העולם לאכול דבש בראש השנה"**, צוליב די אלע ראיות וואס ער האט געברענגט,

ווי אויך זעהן מיר די מקור פון אכילת הסימנים **"כתובה בתורה, שנויה בנביאים, ומשולשת בכתובים"**.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין מקיים צו זיין מנהגי ישראל און ממשיך זיין די מסורה, "ועקידת יצחק היום ברחמים תזכור", אמן!


= פרנסי חודש תשרי =

השיעורים על הטעלעפאון ליין
נתנדב ע"י
הרה"ח ר' חיים מנחם ראזינגער הי"ו
לזכות ברכה והצלחה בכל הענינים

הגליון באידיש נתנדב ע"י
הרה"ח ר' חיים צבי הירש הי"ו
לע"נ אמו האה"ח חנצי ע"ה
בת יבלחט"א ר' מרדכי הי"ו
נלב"ע א' תשרי - ראש השנה
ת.נ.צ.ב.ה.

הגליון בלשה"ק נתנדב ע"י
הרה"ח ר' שמעון דרוממער הי"ו
לזכות ברכה והצלחה בכל הענינים

זכות לימוד התורה דרבים תגן בעדם להתברך בכל מילי דמיטב, וישלם ה' פעלם הטוב ותהי משכורתם שלימה מעם ה'

זעטיגט אייער נשמה און באלייכט אייער טאג

דורך שעפן חיזוק אמונה און ביטחון,
השקפת החיים און ידיעת התורה פון די

# ענדלאזע תורה קוועלער

| | | |
|---|---|---|
| חיזוק בעניני עבודת השם **3** | אמונה ובטחון **2** | צווי מינוט חיזוק א טאג **1** |
| מלוה מלכה פול מיט חיזוק **6** | שבת קודש **5** | חיזוק בנסיונות החיים **4** |
| ימים טובים **9** | קברי צדיקים בארץ הקודש **8** | יארצייטן **7** |
| שיעורים בספרי מוסר חסידות **12** | אוצר הידיעות **11** | שיעורים כלליים - שו"ת **10** |
| ENGLISH MAIN MENU **25** | אלע נייע שיעורים **0** | פאר נאך שיעורים **13** |

צו ספאנסערן
אדער פאר
פאזעטיווע
קאמענטארן קען
מען זיך ווענדן צו
הרה"ח ר'
**חיים מנחם**
**ראזינגער** הי"ו
347.570.0413

מען קען אויך הערן די
שיעורים פון רב אויף:

## קול נשמותינו
**אידיש:** 718.760.1111 #1
**ענגליש:** 718.759.1111 #1

## עינים ליין
718.977.5554
במוצש"ק #0
במשך השבוע 1-2-7-4

א פרישע וואך
פול מיט חיזוק

שיעורי
פרדס התורה
בנשיאות הרה"ג רבי
יששכר י-הודה בערקוי
שליט"א · אב"ד

## קול פרדס התורה
# 718.506.9694

צו באקומען די גליון און שיעורים אויף אימעיל שיקט 'Subscribe' צו
shiurimlishmo@gmail.com

# פרישט אויף אייער טאג
## מיט א חיזוק שיעור פון בלויז

**2 מינוט**

דריקט נומבער "0" פון די מעין מעניו

שיעורים דורך אויס די וואך:

**זונטאג**
מאמר הפרשה

**מאנטאג**
חובת הלבבות

**דינסטאג**
טבריא של מעלה

**מיטוואך**
אוצר הידיעות

**דאנערשטאג**
יאהרצייטן

**פרייטאג**
אור של שב"ק

**מוצאי שבת**
מלוה מלכה

קול פרדס התורה

**718.506.9694**

בס"ד

# ביהמ"ד פרדס התורה

## בית חנצי

ע"ש האשה החשובה מרת חנצי ע"ה בת ר' מרדכי הי"ו

# סדר הזמנים

## ראש השנה

| מוצאי יו"ט | הדלק"נ ליל ב' | הדלק"נ ליל א' |
|---|---|---|
| 8:21 | 8:22 | 6:56 |

### ליל א' דראש השנה - שב"ק

מנחה ער"ש ויו"ט..........7:15

שיעור בין מנחה למעריב

מעריב..........בזמן ר"ת

### יום א' דראש השנה - שב"ק

שחרית..........9:00

הפסקה אחר קריאת התורה

מוסף..........1:00

מנחה..........מיד אחר מוסף

שיעור בענין 'גודל מצוות תקיעות שופר' בשעה 7:30

מעריב ליל ב'..........8:30

### יום ב' דראש השנה

שחרית..........9:00

הפסקה אחר קריאת התורה

דרשת תקיעת שופר ומוסף..........1:15

מנחה..........מיד אחר מוסף

שיעור בעניני 'עשרת ימי תשובה' בשעה 7:30

מעריב מוצאי יו"ט..........בזמן ר"ת

ויו"ט היו עושים בצאתו בשלום מן הקודש...

בברכת כתיבה וחתימה טובה

הנהלת הקהלה